יצא לאור קונטרס
רשימו דחיי
מכ"י המחבר ז"ל

עִקַּר הָרוּחַ־חַיִּים מְקַבְּלִין מֵהַצַּדִּיק (תורה ח)

קונטרס

# רוחא דחיי

שיחות ומאמרים
ע"פ משנתו של
רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

מאת

הרה"ח ר' חיים בנימין ווּרטהיימר ז"ל

קונטרס י"א

"פא"ר תחת אפ"ר"

# תוכן השיחה

"השי"ת מצפה לשוב אלינו"

"אבלי ציון" – זיי זיך כאטשיג מתאבל!

"שקיעת האור במערב"

א. תכלית הבריאה

ב. קוב"ה ושכינתיה

ג. מיעוט הירח

ד. בכי השכינה

די ליכטיגקייט פון די וועלט

דער 'א גראדניק' איז נעלם געווארן...

די העלמה..

עפנעט די אויגן..

מיר האבן יעצט א געלעגנהייט..

הערות והארות ניתן להשאיר ב"קו רוחא דחיי" טל' 02.3.02.47.43 שלוחה 0

© כל הזכויות שמורות

כדי לקחת זכות והשתתפות בהוצאת הקונטרסים ניתן לפנות

בירושלים 05331.93747 בבי"ש 05341.52325

לתרומה ממוחשבת בכרטיס אשראי ב"קו רוחא דחיי" טל' 02.3.02.47.43 שלוחה 1<9

ניתן להאזין לשיעור ב"קו רוחא דחיי" טל' 02.3.02.47.43 שלוחה 2<11

גרפיקה ועימוד: י. גרוס 0527644765

חלק מהוצאות הקונטרס
נתנדב
ע"י ר' שמעון זילבר שליט"א
לרגל הולדת בתו למז"ט
ובזכות מצוות זיכוי הרבים
יזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכיוצ"ח

חלק מהוצאות הקונטרס נתנדב
ע"י
ר' דוד דוב וויצנדלר שליט"א
לרגל שמחת הבר מצוה
לבנו נתן נ"י
ובזכות מצוות זיכוי הרבים
יזכו לרוות רוב נחת דקדושה
ממנו ומכיוצ"ח

חלק מהוצאות הקונטרס נתנדב
ע"י
ר' מאיר יהוסף רוטנברג שליט"א
לרגל שמחת הבר מצוה
לבנו מנחם ישראל י"ו
ובזכות מצוות זיכוי הרבים
יזכו לרוות רוב נחת דקדושה
ממנו ומכיוצ"ח

*חדש!* ישמח לב מבקשי ה' **קו רוחא דחיי** 02.3.02.47.43 שמעו ותחי נפשכם!

# פא"ר תחת אפ"ר

## שיעור בליקו"מ תורה ס"ז תנינא

[שיחה שנמסרה בחבורת הבחורים – כ"ו תמוז תשע"ח]

## "השי"ת מצפה לשוב אלינו"

[א]מען האט שוין גערעדט אסאך ארום דעם, אבער יעצט וועט מען לערנען אינעווייניג, "לְשׁוֹן חֲכָמִים מַרְפֵּא"[ב]. מען וועט לערנען די תורה "**בראשית - לעיני כל ישראל**[ג]", מיר וועלן פארלערנען א שטיקל פון די תורה אינמיטן, שפעטער וועט מען לערנען די תורה פון אנהויב.

---

**א. הערת המערכת:** היות שבתוכן השיעור הנוכחי נמצאים כמה יסודות בשורשי הבריאה המושתתים על אדני תורת הקבלה ופנימיות התורה, לכן בכדי להקל על מרוצת הקורא ולמען יובנו הדברים בבהירות ובאופן של סדר ובנין, שינינו קצת מהסדר שבו נאמרו הדברים ולתועלת הקוראים הע"י סידרנו את השיעור דיבור דבור על אופניו כאשר תחזינה עיניכם אי"ה. (ומודעה רבא לאורייתא על דבר מלאכת עור"ך, ששמנו לנגד עינינו כלל חזק בעריכת השיעורים להיות צמוד ככל האפשר לאופן שבו נאמרו הדברים בכלי ראשון בכדי לשמר את המתיקות המיוחדת הנודעה בשיעורי"ם, ואנו תפילה שחפץ ה' בידינו יצליח ולא יצא שום מכשול וטעות מתח"י ונוכל למלא נכונה את תפקידנו עצהיו"ט).

**ב.** משלי יב, יח.

**ג.** ליקו"מ תנינא תורה ס"ז.

וְהִנֵּה מַה שֶּׁעָבַר אַיִן, כִּי כְּבָר נִשְׂרַף בֵּית מִקְדָּשֵׁנוּ. אַךְ כָּעֵת, שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מְצַפֶּה לָשׁוּב אֵלֵינוּ וְלַחֲזוֹר וְלִבְנוֹת בֵּית מִקְדָּשֵׁנוּ רָאוּי לָנוּ שֶׁלֹּא לְעַכֵּב חַס וְשָׁלוֹם בִּנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, רַק לְהִשְׁתַּדֵּל בְּבִנְיָנוֹ. עַל כֵּן מְאֹד צָרִיךְ לִזָּהֵר לָקוּם בַּחֲצוֹת לִהְיוֹת מִתְאַבֵּל עַל חֻרְבַּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, כִּי אוּלַי בַּגִּלְגּוּל הָרִאשׁוֹן הָיָה הוּא הַגּוֹרֵם שֶׁיֶּחֱרַב הַבֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וַאֲפִלּוּ אִם לָאו, אוּלַי הוּא מְעַכֵּב עַתָּה בִּנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וְנֶחֱשָׁב גַּם כֵּן כְּאִלּוּ הוּא גָּרַם לְהַחֲרִיבוֹ. עַל כֵּן צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד לָקוּם בַּחֲצוֹת וְלִהְיוֹת מִתְאַבֵּל מְאֹד עַל חֻרְבַּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הִבְטִיחַ לְכָל הַמִּתְאַבֵּל עַל צִיּוֹן לָשׂוּם לַאֲבֵלֵי צִיּוֹן "פְּאֵר תַּחַת אֵפֶר".

דער רבי זאגט אזוי: "**והנה מה שעבר אַיִן, כי כבר נשרף בית מקדשנו**" - וואס ס'איז געווען איז שוין געווען! מיר זענען נישט עוסק אין זכרונות, מיט וואס מ'רופט אין היינטיגע שפראך 'נאסטאלגיע', מ'בענקט זיך צו עפעס אלטע מעשיות.. מיר זענען נישט עוסק אין קיין 'מה שעבר אַיִן'.

ביי אונז דער גאנצער יסוד פון די קינות (און בין המצרים), הויבט זיך אן אין דעם יסוד: "**השם יתברך מצפה לשוב אלינו**" - דער אויבערשטער וואַרט צו זיך אומקערן! דער אויבערשטער ווארט צו בויען דעם ביהמ"ק!

און ממילא אז דער אויבערשטער ווארט, איז דאס - ווייל ווען דער אויבערשטער וויל שוין אומקערן דעם ביהמ"ק [איז] ווער קען אפהאלטן?! אבער אעפ"כ מיר דארפן "**ראוי לנו שלא לעכב חס ושלום בנין בית המקדש**".

פארוואס דארפן מיר זיך מתאבל זיין - נאר אלץ איין זאך: דער רבש"ע בויעט שוין דעם ביהמ"ק נאר מיר קענען מעכב זיין, איז מיר דארפן זעהן נישט צו מעכב זיין דעם בנין ביהמ"ק "**רק להשתדל בבנינו**" - מען דארף זיך משתדל זיין בבנין ביהמ"ק.

נאכאמאל, ס'איז א מורא'דיגע זאך וואס דער רבי זאגט דא - אז מיר שטייען אין א מצב פון א מורא'דיגע "עת רצון". דאס הייסט אז דער שורש פון די גאנצע אבילות איז, אז ס'איז א עת רצון, ווייל דער אויבערשטער

ווארט זיך צו אומקערן צו אונז, דער אויבערשטער ווארט צו בויען דעם ביהמ"ק.

דער רבש"ע קען בויען דעם ביהמ"ק, דער רבש"ע דארף נישט פון אונז קיין הילף – נאר דער רבש"ע וויל אז מיר זאלן נישט מעכב זיין, און זיך משתדל זיין אין דעם בנין. [ס'איז צוויי חלקים:] נישט מעכב זיין - און זיך משתדל זיין אין דעם בנין.

וואס הייסט זיך משתדל זיין אין דעם בנין, מיר בויען עפעס א ביהמ"ק? - אלע וויסן, פארקערט, מיר וויסן אז מיר טארן נישט אליין זיך ברענגען קיין גאולה, מ'טאר זיך נישט אליין בויען, מ'טאר גארנישט מאכן מיט די הענט[ד]. פונקט פארקערט, מ'דארף זיין נכנע אין דעם גלות, מ'דארף אננעמען דעם גלות באהבה.

איז ווי אזוי איז מען זיך משתדל מיטן בנין? – זאגט דער רבי: "**על כן מאוד צריך ליזהר לקום בחצות, להיות מתאבל על חורבן בית המקדש**" - מ'דארף זיך מתאבל זיין! אונזער השתדלות אין 'בנין' איז מיטן זיך מתאבל זיין.

וויל וואס איז מעכב דעם בנין? - "**כי אולי בגלגול הראשון היה הוא הגורם שיחרב הביהמ"ק**" - אפשר האב איך פון דעם פריערדיגן גלגול גורם געווען דעם חורבן. דאס הייסט, לא מבעיא, מ'רעדט שוין נישט וואס איך האב [גורם געווען] פון היינט, אפילו לאמיר זאגן אז היינט בין איך א גרויסער צדיק, אבער ווער ווייסט, 'אולי בגלגול הראשון היה הוא הגורם שיחרב הביהמ"ק'. "**ואפילו אם לאו, אולי הוא מעכב עתה בנין בית המקדש**" - אפשר איז ער מעכב דעם בנין ביהמ"ק, מיט זיינע מעשים – "**ונחשב גם כן כאילו הוא גרם להחריבו**".

איז וואס דארף מען טאן, א מענטש טוט מעשים וואס איז מעכב דעם בנין, וואס דארף מען טאן? - "**על כן צריך ליזהר מאוד לקום בחצות, ולהיות**

---

**ד.** ראה גמ' כתובות דף קיא. ונתבאר בארוכה במאמר שלוש שבועות בספה"ק ויואל משה.

**מתאבל מאוד על חורבן ביהמ"ק"** - דארף מען אויפשטיין ביי חצות און זיך מתאבל זיין אויפן חורבן.

פארוואס בחצות? ווייל ביי חצות דעמאלטס איז די צייט וואס דער אויבערשטער איז זיך מתעורר, דעמאלטס איז דער עיקר צייט וואס דער אויבערשטער פארעט זיך אליין מיט דעם ענין, דער אויבערשטער אליין איז זיך מתאבל אויפן ביהמ"ק[ה]. און אזוי ווי ער האט אנגעהויבן פריער אז דער אויבערשטער וויל זיך אומקערן צו אונז און בויען דעם ביהמ"ק - איז דעמאלטס ביי חצות איז דער עיקר צייט[ו]. חצות הלילה איז די צייט וואס דער רבש"ע איז זיך מתעורר שטארק צו קומען צוריק צו אונז, איז במילא דארף מען זיך מצרף זיין צו אים, און זיך אויך מתאבל זיין.

**"והשם יתברך הבטיח לכל המתאבל על ציון, לשום לאבלי ציון פאר תחת אפר"**. דא ליגט די זאך: **"השם יתברך הבטיח"** - **ס'איז שוין דא א**

---

**ה.** ראה ברכות דף ג: שלש משמרות הוי הלילה ועל כל משמר ומשמר יושב הקב"ה ושואג כארי וכו' ועל כל משמר ומשמר יושב הקב"ה ושואג כארי ואומר אוי לבנים שבעונותיהם החרבתי את ביתי ושרפתי את היכלי והגליתים לבין אומות העולם. [וראה בליקו"מ תורה ל' על קול זעקת השכינה המתעוררת בחצות הלילה וכו' ובליקו"ה השכמת הבוקר ה, ו.]

**ו.** ראה בליקו"ה תפילין ז, א: **אַךְ עַתָּה שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מְצַפֶּה בְּכָל יוֹם לָשׁוּב אֶצְלֵנוּ, עִקַּר הַתִּקּוּן שֶׁנָּשׁוּב אֵלָיו עַל-יְדֵי קִימַת חֲצוֹת** שֶׁצְּרִיכִין לְהִתְעוֹרֵר לְפַקֵּחַ עַל תִּקּוּן נַפְשׁוֹ וְלָקוּם בַּחֲצוֹת לַיְלָה וּלְהִתְאַבֵּל מְאֹד עַל חֻרְבַּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וְהָעִקָּר לְהִתְאַבֵּל וְלִבְכּוֹת הַרְבֵּה עַל פְּגַם מַעֲשָׂיו שֶׁגָּרְמוּ חֻרְבַּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוֹ עִכּוּב בִּנְיָנוֹ וְכוּ' וְעַל-יְדֵי זֶה זוֹכֶה שֶׁיַּחֲזֹר וְיִתְגַּלֶּה אֶצְלוֹ הַהַעֲלָמָה הַנַּ"ל וְיָאִיר עָלָיו כָּל הַבְּחִינוֹת הַנַּ"ל בְּחִינַת לשום לַאֲבֵלֵי צִיּוֹן פְּאֵר תַּחַת אֵפֶר 'פְּאֵר' דַּיְקָא, בְּחִינַת כְּלָלִיּוּת הגוונין הַנַּ"ל, בְּחִינַת שֵׁם ה', בְּחִינַת ד' מֹחִין הַנַּ"ל שֶׁהֵם שֹׁרֶשׁ וְתִקּוּן הד' יְסוֹדוֹת וְכוּ', כִּי הַכֹּל נִתְהַפֵּךְ לְטוֹבָה בִּבְחִינַת פְּאֵר תַּחַת אֵפֶר דַּיְקָא וְכוּ', עַיֵּן שָׁם הֵיטֵב כָּל זֶה בִּמְקוֹמוֹ בַּסִּימָן הַנַּ"ל וּבְכַמָּה מְקוֹמוֹת בִּדְבָרֵינוּ שֶׁדִּבַּרְנוּ בָּזֶה בְּחַסְדּוֹ יִתְבָּרַךְ **וְשִׂים לִבְּךָ לָזֶה הֵיטֵב עַד שֶׁתָּבֹאוּ לִידֵי מַעֲשֶׂה לָקוּם בַּחֲצוֹת לַיְלָה לְהִתְאַבֵּל עַל מַעֲשֶׂיךָ שֶׁמְּעַכְּבִים בִּנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ שֶׁנֶּחֱשָׁב כְּאִלּוּ אַתָּה מַחֲרִיבוֹ וּמַאֲרִיךְ הַגָּלוּת כָּל כַּךְ עַד שֶׁתַּתְחִיל לְהִסְתַּכֵּל עַל עַצְמְךָ בְּעֵין הָאֱמֶת עַד שיארו עָלֶיךָ כָּל הַתִּקּוּנִים הַנַּ"ל וְכוּ' וְכוּ':**

**הבטחה!** אז מיטן טרויערן אויפן בית המקדש מיט דעם ווערט צוריק געבויעט דער ביהמ"ק, ס'ווערט "פאר תחת אפר"[ז].

## "אבלי ציון" – זיי זיך כאטשיג מתאבל!

במילא איז דארף מען וויסן, אז ווען מ'רעדט פון גאנצן ענין פון די דריי וואכן (פון בין המצרים), מ'רעדט פון די ענין פון טרויערן אויפן ביהמ"ק – איז עס נישט קיין זאך וואס מ'טרויערט אויף אלטע מעשיות, און ס'איז בכלל נישט קיין זאך פון עצבות[ח].

ס'איז א זאך פונקט פארקערט; ווייל ס'איז א געוואלדיגער "עת רצון" - דער רבש"ע וויל זיך צוריק קערן צו אונז און קיינער קען אים נישט אפהאלטן, נאר מיר קענען אים אפהאלטן מיט אונזערע מעשים – דערפאר דארפן מיר זיך מתאבל זיין, און מיט דעם וואס מיר זענען זיך מתאבל האבן מיר א חלק מיטן בנין.

דאס הייסט; מ'זאגט אונז נישט 'דארפסט אויפהערן צו טאן שלעכטע מעשים' - אפילו דאס פאדערט מען נישט פון אונז. מ'פאדערט פון אונז כאטשיג איין זאך: זיי זיך מתאבל אויף ווי אזוי דו פירסט זיך! **זיי זיך כאטשיג מתאבל!**

דאס איז דער לשון וואס ר' נתן האט געזאגט[ט]: **"איך קען זיך נישט קילן, איך קען זיך נישט קילן נאר מיט תשעה באב ובין המצרים ביי די קינות,**

---

**ז.** ראה לקמן בתורה.

**ח.** ראה ליקו"ה ביצים ה' על התקווה והנחמה שיש בתוך האבילות.

**ט.** ביאור הליקוטים י"ב תנינא: שָׁמַעְתִּי מֵאָבִי מוֹרִי זַ"ל בְּשֵׁם מוֹהֲרנַ"ת זַ"ל עַל אוֹדוֹת אֲשֶׁר נֶחֱלַשׁ דַּעְתּוֹ בִּרְאוֹתוֹ כַּמָּה פְּעָמִים שֶׁגַּם בְּעִסְקֵי הַנֶּפֶשׁ נִתְקַיֵּם הַכָּתוּב: "גַּם כִּי אֶזְעַק וַאֲשַׁוֵּעַ שָׂתַם תְּפִלָּתִי". וְאָמַר בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: **אִיךְ קֶען מִיר מֶערִיר נִיט קִילֶען דָאס הַארְץ, נָאר תִּשְׁעָה בְּאָב וּבֵין הַמְּצָרִים בַּיְיא דִיא קִינוֹת, אִין אַגַאנְץ יָאהְר בַּיְיא תְּפִלַּת חֲצוֹת, חָאטְשׁ קְלָאגֶען אוֹיף דֶעם חֻרְבָּן** (בֵּית הַמּוֹחִין בִּכְלָלִיּוּת וּבִפְרָטִיּוּת) **וָואס מֶע אִיז נִיט אַזוֹי וְויא מֶען דַארְף צוּא זַיְין.**

**און א גאנץ יאר ביי חצות לילה - כאטשיג קלאגין אויף דעם חורבן וואס מען איז נישט אזוי ווי מען דארף צו זיין".**

מ'וויל פון אונז די זאך, זיי זיך כאטשיג מתאבל! כאטשיג זיך מתאבל זיין אויף דעם וואס מ'פירט זיך נישט ווי ס'דארף צו זיין, כאטשיג דאס. דאס הייסט, "אבלי ציון"; א איד דארף זיין פון די אבלי ציון, א איד דארף זיך מתאבל זיין אויף דעם. וואס דארף מען זיך מתאבל זיין - מ'דארף זיך מתאבל זיין אויף דעם וואס מיינע מעשים זענען נישט כהוגן (וואס דאס איז מעכב דעם בנין).

א נייער גאנג אין אידישקייט - דער רבי לערנט אונז א נייעם גאנג אין אידישקייט, אז א איד דארף זיך מתאבל זיין אויף דעם וואס ער איז נישט ווי ס'דארף צו זיין. פאררריכטן - דאס איז שוין נאך א זאך. אבער נאך פארן פאררריכטן - זיך אויסלערנען זיך צו מתאבל זיין, מתאבל זיין אויף דעם וואס ס'איז נישט ווי ס'דארף צו זיין. א מענטש דארף זיין מודה על האמת - ס'טוט מיר וויי!

[א אינטערעסאנטע זאך, אז די שורש פון דער ווארט "אבילות" איז **א.ב.ל**, דער ווארט אֲבָל. אָבֵל איז לשון אֲבָל, אֲבָל איז דער טייטש "אמת". אוואו ס'שטייט אבל, "אבל אשמים אנחנו", מיינט עס צו זאגן "אבער באמת". אוואו ס'שטייט אין די תורה "אבל", זאגט דער תרגום "**ברם**", ס'מיינט, באמת איז אזוי. אָבֵל הייסט א מודה על האמת, דאס הייסט א אבל. די נקודה פון אבילות איז, כאטשיג בלאנדזע נישט. כאטשיג זיי מכיר, זיי מכיר אין דיין מציאות!]

[שואל: וואס האט דאס מיט די פשוטע אבילות?] "אָבֵל" הייסט אז א מענטש פילט דעם צער, ער איז אמת'דיג, ער פילט דעם צער. ער דרייט זיך נישט

(אֵינֶנִּי יָכוֹל עוֹד לְקָרֵר אֶת לִבִּי רַק בְּתִשְׁעָה בְּאָב וּבֵין הַמְּצָרִים בַּקִּנוֹת, וּבְכָל הַשָּׁנָה בִּתְפִלַּת חֲצוֹת. וְלוּ רַק לִבְכּוֹת עַל הַחֻרְבָּן שֶׁאֵינֶנּוּ מִתְנַהֲגִים כָּרָאוּי).

ארויס, ער פילט דעם צער. א מענטש פילט דעם צער - דא הויבט זיך אן זיין ישועה.

[שואל: דער אבילות על המת איז אויך אזוי?] אויכעט אזוי! יא, אויכעט אזוי. מענטשן קענען נישט אויסהאלטן, מענטשן קענען נישט אויסהאלטן פון עצבות, פארגעסן זיי, מוזן זיי גלייך פארגעסן. אבער מ'דארף מכיר זיין וואס דער חסרון איז.

דער "**אריז"ל**" זאגט[י] אז דאס וואס מ'איז זיך מתאבל אויפן נפטר, איז מען ממשיך דעם נפטר אויף דער וועלט צוריק! מענטשן האבן נישט געדולד, מענטשן זענען בעצבות, זיי קענען נישט פארנעמען. מען הויבט אן רעדן פון א אמת, מ'קען נישט אויסהאלטן, מ'קען נישט אויסהאלטן. וויל זיי וויסן נישט פון קיין תיקון, דערפאר קענען זיי נישט פארנעמען די פארוויייטיגטע אמת.

ביי אונז לערנט מען דעם יסוד - אז דער זיך מתאבל זיין, דא הויבט זיך אן די ישועה. די ערשטע זאך פארשטיי דיין פראבלעם, פארשטיי אז דו ביזסט אין א פראבלעם. וואס מער א מענטש פארשטייט מער זיין פראבלעם, איז ער מער א ברסלב'ער[יא]! דא הויבט זיך אלעס אָן, דא הויבט זיך אן די זאך. דעם רבינ'ס פתח הויבט זיך אָן אז א מענטש איז מכיר אין זיין פראבלעם. א מענטש איז מכיר וואס מיט אים טוט זיך, ס'טוט זיך עפעס דא.. - דאס איז די נקודה.

---

**י.** ראה בספר טעמי המצות להאריז"ל פרשת ויחי. וראה גם בליקו"ה קרחה וכתובת קעקע ג' אות ג, ו. [וראה גם ליקו"מ תורה כ"א: וְזֶה בְּחִינַת שִׁבְעַת יְמֵי אֲבֵלוּת רַחֲמָנָא לִצְלָן שֶׁמִּתְאַבְּלִין עָלָיו עַל שֶׁנִּסְתַּלֵּק נִשְׁמָתוֹ כְּדֵי שֶׁיַּעֲלֶה נִשְׁמָתוֹ לְאוֹר הַפָּנִים הַנַּ"ל עַל יְדֵי שִׁבְעָה יָמִים אֵלּוּ (ועיי"ש בפל"ח אות י').]

**יא.** ראה בהמשך התורה שע"י ההתקרבות לצדיק נִפְתָּחִין עֵינָיו וְרוֹאֶה וּמִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ אֵיךְ הוּא אוֹחֵז בְּכָל הַמִּדּוֹת וכו'.

## "שקיעת האור במערב"

יעצט וועלן מיר אנהויבן לערנען, צוריקגיין צום אנהויב פון די תורה, וועלן מיר זעהן ווי דער אנהויב פון די תורה מיט וואס מיר האבן יעצט געלערנט איז זיך מחבר צוזאמען.

[חִבּוּר הַתְחָלַת הַתּוֹרָה בְּסוֹפָהּ] "בְּרֵאשִׁית לְעֵינֵי כָּל יִשְׂרָאֵל" כִּי יֵשׁ עֲנָנִין דִּמְכַסְיָן עַל עֵינָא, שֶׁהֵם רוֹמִי רַבָּתִי וְרוֹמִי זְעֵירָתָא כַּמּוּבָא (בְּרַעְיָא מְהֵימְנָא, פִּינְחָס דַּף רנב קֹהֶלֶת י"ב). וְזֶה בְּחִינַת "וְשָׁבוּ הֶעָבִים אַחַר הַגֶּשֶׁם" זֶה מְאוֹר עֵינַיִם, שֶׁהוֹלֵךְ אַחַר הַבְּכִיָּה כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שַׁבָּת קנא:), שֶׁעַל יְדֵי הַבְּכִי הוֹלֵךְ וּמִסְתַּלֵּק מְאוֹר עֵינַיִם.

דער רבי הויבט אן: "**בראשית - לעיני כל ישראל**", דאס איז דער חיבור התחלת התורה בסופה, דאס הייסט אז דאס איז כל התורה כולה. פון 'בראשית' ביז 'לעיני כל ישראל', פון אנהויב תורה ביז סוף תורה - די גאנצע תורה האט איין משמעות[יב].

זאגט דער רבי: "**כי יש עננין דמכסיא על עינא, שהם רומי רבתי ורומי זעירתא**". ס'איז דא ענניו וואס פארשטעלט די אויגן, און מען זעט נישט. ס'קומט וואלקענעס וואס פארטונקלען די אויגן. ס'שטייט אין פסוק "**ושבו העבים אחר הגשם**[יג]" - זאגן חז"ל - "**זה מאור עינים שהולך אחר הבכיה**". אז פון וויינען ווערט פארשטעלט די אויגן. פון דעם וואס "אחר הגשם", נאך וואס ס'גייט א רעגן פון טרערן, דאס מאכט א פינסטערניש אין די אויגן.

---

**יב.** ראה ימי מוהרנ"ת ל"ט.

**יג.** קהלת יב, ב: עַד אֲשֶׁר לֹא תֶחְשַׁךְ הַשֶּׁמֶשׁ וְהָאוֹר וְהַיָּרֵחַ וְהַכּוֹכָבִים וְשָׁבוּ הֶעָבִים אַחַר הַגָּשֶׁם.
ובגמ' שבת קנ"א ע"ב דרשו חז"ל: "ושבו העבים אחר הגשם" - זו מאור עיניו של אדם שהולך אחר הבכי. וכתב רש"י: ושבו העבים. חשכת עינים יבא ויכסה המאור אחר שירבה בבכיה בזקנותו מחמת תשות כח וצרות רבות שבאו עליו.

ווייל דער ווײנען מאכט א פינסטערניש אין די אויגן, די "מאור עינים" גייט אוועק.

וְזֶה בְּחִינַת שְׁקִיעַת הָאוֹר בְּמַעֲרָב כִּי בְּמִזְרָח חַמָּה זוֹרַחַת וּבְמַעֲרָב שׁוֹקַעַת, נִמְצָא שֶׁמַּעֲרָב הוּא שְׁקִיעַת הָאוֹר. וְכָל זֶה עַל יְדֵי בְּחִינַת הַבְּכִי, שֶׁעַל יָדוֹ מִסְתַּלֵּק מְאוֹר הָעֵינַיִם כַּנַּ"ל שֶׁזֶּה בְּחִינַת שְׁקִיעַת הָאוֹר כַּנַּ"ל. כִּי מַעֲרָב רָאשֵׁי תֵבוֹת: "רָחֵל מְבַכָּה עַל בָּנֶיהָ", כִּי שְׁכִינָה בְּמַעֲרָב (בָּבָא בַּתְרָא כ"ה), וְהַשְּׁכִינָה בּוֹכָה וּמְיַלֶּלֶת כִּבְיָכוֹל עַל יִשְׂרָאֵל בְּחִינַת "רָחֵל מְבַכָּה עַל בָּנֶיהָ, מֵאֲנָה לְהִנָּחֵם עַל בָּנֶיהָ כִּי אֵינֶנּוּ", שֶׁהִיא בּוֹכָה עַל צָרַת יִשְׂרָאֵל, הַמְפֻזָּרִים בַּגּוֹיִים וְאֵינָם עַל מְקוֹמָם. וְעַל כֵּן שְׁקִיעַת הָאוֹר בְּמַעֲרָב כִּי עַל יְדֵי הַבְּכִיָּה מִסְתַּלֵּק מְאוֹר עֵינַיִם שֶׁזֶּה בְּחִינַת שְׁקִיעַת הָאוֹר כַּנַּ"ל.

פון וואס קומט די פינסטערניש? – פון **"שקיעת האור במערב"**, פון דעם קומט די גאנצע פינסטערניש וואס ס'איז דא אין די וועלט, אז ס'קומט שקיעת האור במערב. "**כי במזרח חמה זורחת ובמערב שוקעת, נמצא שמערב הוא שקיעת האור**".

און פון וואס קומט שקיעת האור?- **"וכל זה על ידי בחינת הבכי שעל ידו מסתלק מאור העינים, שזה בחינת שקיעת האור"**. דאס הייסט, אז דער שקיעת האור ווערט פון "בחינת הבכי" וואס נעמט אוועק די ליכטיגקייט, די "מאור העינים".

פון וואס א בכי רעדט מען דא - זאגט דער רבי: **והשכינה בוכה ומיללת כביכול על ישראל.. שהיא בוכה על צרת ישראל, המפוזרים בגוים, ואינם על מקומם**". מ'רעדט דא פון די געוויין פון די שכינה! די שכינה וויינט אויף די צרות פון כלל ישראל, אז די אידישע קינדער זענען צושפרייט צווישן די גוים, זיי זענען נישט אויף זייער פלאץ. אידן וואס זיי דארפן זיין צוזאמגענומען אויף זייער פלאץ, זענען צושפרייט, זיי זענען נישט אויף זייער פלאץ[יד].

---

**יד.** ראה בהמשך התורה על ענין "בני הבית" ו"הראש בית": כְּשֶׁיֵּשׁ זֶה הַצַּדִּיק שֶׁהוּא הָרֹאשׁ בַּיִת אֲזַי יֵשׁ בְּחִינַת ראשׁ וְיֵשׁ בְּחִינַת בַּיִת, וַאֲזַי כֻּלָּנוּ דְּהַיְנוּ כָּל בְּנֵי הַדּוֹר כֻּלָּם בְּחִינַת בְּנֵי בַּיִת. אֲבָל

איז פארוואס טאקע שקיעת האור איז אין מערב זייט?- **"כי מערב ראשי תיבות 'רחל מבכה על בניה', כי שכינה במערב.** ס'שטייט טו אז שכינה במערב, דער מקום השכינה איז אין מערב, דערפאר מערב איז ר"ת ר'חל מ'בכה ע'ל ב'ניה [כִּי הַשְּׁכִינָה, שֶׁהִיא קְדֻשַּׁת יִשְׂרָאֵל, נִקְרֵאת רָחֵל כַּיָּדוּעַ טז].

פארוואס "שכינה במערב" - ווייל דער גאנצער זאך פון די "שכינה" איז אז די שכינה וויינט אויף כלל ישראל, דערפאר איז איר פלאץ אין מערב זייט, ממילא איז דער "שקיעת האור במערב". קומט אויס, פארוואס ווערט נאכט פון מערב זייט און ס'ווערט פינסטער אין דער וועלט - דאס ווערט ווייל די שכינה וויינט..

וואס זאגט איר אויף אזא זאך - דאס וואס ס'ווערט פינסטער אין דער וועלט, איז ווייל די שכינה וויינט - ס'איז זיך אייך מסדר?! [שואל: רחל האט שוין געוויינט פאר עס איז געווען א חורבן?] נאכמער, רחל האט געוויינט במערב שוין ביי תחילת הבריאה האט זי געוויינט!

[שואל: איז וואס דארף מען וויינען? נאך וואס מען מאכט קאליע דארף מען וויינען – פאר דעם דארף מען נישט וויינען מען דארףווארטן אויף א תיקון - נישט וויינען?!] ער פרעגט גוט, די שכינה במערב איז דאך שוין פארן חורבן, איז פארוואס איז שוין געווען דעמאלטס דער בכי השכינה?! [רח"ב לבחורים: נו, ענטפערט א תירוץ! - הבחורים מנסים לתרץ תירוצים שונים].

---

כְּשֶׁנִּסְתַּלֵּק וְנִתְעַלֵּם זֶה הָרֹאשׁ שֶׁהוּא הַפְּאֵר, בְּחִינַת שֵׁם ה' כַּנַּ"ל אֲזַי מִתְגַּבְּרִין חַס וְשָׁלוֹם, שְׁמוֹת הַטֻּמְאָה וכו' בְּחִינַת "רֹאשׁ כָּל חוּצוֹת" וכו' **וַאֲזַי אֵין בַּיִת, וּמִתְגַּלְגְּלִים בַּחוּצוֹת חַס וְשָׁלוֹם** וכו' וְעַל זֶה נֶאֱמַר: **"תִּשְׁתַּפֵּכְנָה אַבְנֵי קֹדֶשׁ בְּרֹאשׁ כָּל חוּצוֹת, בְּנֵי צִיּוֹן הַיְקָרִים הַמְסֻלָּאִים בַּפָּז" וְכוּ'** (אֵיכָה ד) דְּהַיְנוּ שֶׁיִּשְׂרָאֵל קְדוֹשִׁים מִתְגַּלְגְּלִים, חַס וְשָׁלוֹם, בְּרֹאשׁ כָּל חוּצוֹת כִּי נִסְתַּלֵּק וְנִתְעַלֵּם הָרֹאשׁ בַּיִת.

**טו.** בבא בתרא כה.

**טז.** ליקו"ה פסח ט, יב. [וראה בשער הפסוקים ויחי: והנה ר"ת של מתה עלי רחל בדרך, הוא מערב, לרמוז כי רחל נקראת שכינה תתאה, וידעת כי שכינה במערב, כנזכר בדברי רז"ל ובספר התיקונין.]

אין דער אמת'ן שקיעת האור איז שוין געווען פאר "חטא אדם הראשון". פון ווען איז געווען שקיעת האור במערב? ווען האט זיך אנגעהויבן בכלל די גאנצע מושג פון "שקיעת האור" אז די זוהן גייט אונטער און ס'ווערט נאכט?! - מיטוואך! דעמאלטס האט אנגעהויבן שיינען די זוהן מיט די לבנה[יז] [און דאס איז נאך פאר חטא אדם הראשון וואס איז געווען נאר פרייטאג].

אזוי שטייט, אז די שקיעת האור במערב האט זיך אנגעהויבן פון קטרוג הירח, פון די קטרוג הלבנה האט זיך אנגעהויבן די זאך פון "שקיעת האור" [אז די זוהן גייט אונטער אין מערב און ס'ווערט טונקל]. דער אויבערשטער האט געזאגט דעמאלטס פאר די לבנה "**לכי ומעטי את עצמך**", און דעמאלטס האט זיך אנגעהויבן די זאך פון שקיעת האור במערב[יח].

קומט אויס אז די שכינה האט שוין געוויינט פון דעמאלטס. איז וואס איז פשט, פארוואס האט די שכינה געוויינט שוין גלייך אנהויב בריאת העולם?

דער פשט איז טאקע אזוי: [למעשה, יעדע סוגיא איז געבונדן מיט נאך א סוגיא און מיט נאך א סוגיא.. איך ווארף אייך נאר אריין אפאר הקדמות

---

**יז.** ראה בראשית א,יד וברש"י וברמב"ן (ד"ה להבדיל).

**יח.** ראה ליקו"ה מתנת שכיב מרע ג', יג: וְזֶהוּ בְּחִינַת פָּרָשַׁת הַחֹדֶשׁ, שֶׁהוּא קִדּוּשׁ הַחֹדֶשׁ, שֶׁהוּא בְּחִינַת **מִלּוּי הַיָּרֵחַ**, בְּחִינַת וְהָיָה אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה, שֶׁהוּא בְּחִינַת הַכְנָעַת מְאוֹרֵי אֵשׁ וְהִתְגַּבְּרוּת מְאוֹרֵי אוֹר שֶׁהֵם בְּחִינַת אוֹר הַחַמָּה כְּמוֹ שֶׁמְּבֹאָר שָׁם בְּהַתּוֹרָה הַנַּ"ל, כִּי בַּמִּזְרָח הַחַמָּה זוֹרַחַת וּבַמַּעֲרָב שׁוֹקַעַת וּבַלַּיְלָה בְּעֵת שְׁקִיעַת אוֹר הַחַמָּה אָז הִתְגַּבְּרוּת מְאוֹרֵי אֵשׁ וכו' **וּכְשֶׁמִּתְגַּבְּרִים חַס וְשָׁלוֹם, הַמְּאוֹרֵי אֵשׁ, זֶה בְּחִינַת מִעוּט הַלְּבָנָה וּפְגִימָתָהּ**, כִּי הַלְּבָנָה שְׁלִיטָתָהּ בַּלַּיְלָה בְּעֵת הִסְתַּלְּקוּת הַמְּאוֹרֵי אוֹר וְעַל כֵּן רוֹצִים לְהִתְאַחֵז בָּהּ חַס וְשָׁלוֹם, הַמְּאוֹרֵי אֵשׁ שֶׁשְּׁלִיטָתָם בַּלַּיְלָה. **וּצְרִיכִין לְהִתְגַּבֵּר לְהַכְנִיעַ הַמְּאוֹרֵי אֵשׁ שֶׁלֹּא יוּכְלוּ לְהִתְאַחֵז בְּהַלְּבָנָה שֶׁהִיא בְּחִינַת מַלְכוּת וכו' שֶׁהִיא בְּחִינַת פְּגִימַת הַלְּבָנָה בִּזְמַן הַגָּלוּת**, כִּי כָּל עֲבוֹדָתֵנוּ הִיא לְמַלְּאוֹת פְּגִימוֹת הַלְּבָנָה, דְּהַיְנוּ לְהַכְנִיעַ הַמְּאוֹרֵי אֵשׁ וּלְבַטְּלָם מִן הָעוֹלָם וְאָז יִהְיֶה אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת בִּנְיַן הַבֵּית הַמִּקְדָּשׁ שֶׁאָז תִּתְמַלֵּא פְּגִימַת הַלְּבָנָה וכו' וּכְשֶׁמְּבַטְּלִין הַמְּאוֹרֵי אֵשׁ עַל יְדֵי שֶׁמְּשַׁבְּרִין כָּל הַתַּאֲוֹת רָעוֹת וְכָל הַמִּדּוֹת רָעוֹת הַנִּמְשָׁכִין מֵאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת גַּשְׁמִיִּים, עַל יְדֵי זֶה מְבַטְּלִין פְּגִימַת הַלְּבָנָה וְאָז יִהְיֶה אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה שֶׁהוּא בְּחִינַת מְאוֹרֵי אוֹר. (וראה שם גם באות יד).

צו פארשטיין וואס גייט דא פאר, איך ווייס נישט אויב עס איז די צייט צו רעדן אויף אלעס - אבער לאמיר אריינגיין אין די זאך..]

## א. תכלית הבריאה

דער רבש"ע האט באשאפן די וועלט; צו וואס האט דער אויבערשטער באשאפן די וועלט? - דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט פאר כלל ישראל![יט]. וואס מיינט אז דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט פאר כלל ישראל? – אז אידן זאלן זוכה זיין מיט זייער בחירה צו טאהן גוטע מעשים, און זאלן זוכה זיין צו מתקן זיין די וועלט! דאס איז די סיבה וואס דער רבוש"ע האט באשאפן די וועלט.

איז לכתחילה, האט דער רבוש"ע באשאפן די וועלט, אז ביז ווען די אידן לייגן נישט אריין זייער חלק, איז די בריאה נישט גאנץ. דער רבוש"ע האט באשאפן די וועלט מיט "**איתערותא דלעילא**". אבער 'איתערותא דלעילא' קען נישט זיין, קען נישט מצליח זיין - נאר דורך "**אתערותא דלתתא**[כ]". ווייל

---

**יט.** ראה בליקו"מ תורה צ"ד: כָּל הָעוֹלָמוֹת לֹא נִבְרְאוּ אֶלָּא בִּשְׁבִיל יִשְׂרָאֵל דִּכְתִיב (יְשַׁעְיָה מ"ג): "לִכְבוֹדִי בְרָאתִיו יְצַרְתִּיו אַף עֲשִׂיתִיו" דְּהַיְנוּ בְּרִיאָה יְצִירָה עֲשִׂיָּה לֹא נִבְרָא אֶלָּא לִכְבוֹדִי, וּכְבוֹדִי הַיְנוּ יִשְׂרָאֵל, דִּכְתִיב (שְׁמוֹת כ"ה): "וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם" וְדָרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (עַיֵּן שְׁלָ"ה מַסֶּכֶת תַּעֲנִית דַּף ס) בְּתוֹכוֹ לֹא נֶאֱמַר אֶלָּא בְּתוֹכָם מְלַמֵּד שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַשְׁרֶה שְׁכִינָתוֹ בְּתוֹךְ כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל וכו'. נִמְצָא כָּל הָעוֹלָמוֹת לֹא נִבְרְאוּ אֶלָּא בִּשְׁבִיל יִשְׂרָאֵל כְּדֵי לְהַשְׁפִּיעַ לָהֶם רַב טוּב. וּכְשֶׁאֵינָם יְכוֹלִים לְקַבֵּל מֵחֲמַת עֲווֹנוֹתֵיהֶם יֵשׁ לוֹ צַעַר, שֶׁנֶּאֱמַר (יְשַׁעְיָה ס"ג) : "בְּכָל צָרָתָם לוֹ צָר" וכו'.

**כ.** ראה ליקו"ה נחלות ג, ג: וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לִרְאוֹת שֶׁהוּא יִתְעוֹרֵר תְּחִלָּה לִכְסֹף וּלְהִשְׁתּוֹקֵק אֵלָיו יִתְבָּרַךְ **שֶׁיִּהְיֶה אִתְעָרוּתָא דִּלְתַתָּא קֹדֶם אִתְעָרוּתָא דִּלְעֵלָּא וַאֲזַי נִמְשָׁךְ עָלָיו חֶסֶד גָּדוֹל שֶׁהוּא סִטְרָא דִּדְכוּרָא** בִּבְחִינַת אִשָּׁה מַזְרַעַת תְּחִלָּה יוֹלֶדֶת זָכָר וכו'. כִּי כְּשֶׁאֵין הָאָדָם מִתְעוֹרֵר מֵעַצְמוֹ לַה' יִתְבָּרַךְ וַאֲזַי ה' יִתְבָּרַךְ נִכְסָף אֵלָיו, כִּי הוּא יִתְבָּרַךְ חָפֵץ וּמִשְׁתּוֹקֵק שֶׁיָּשׁוּב אֵלָיו וַאֲזַי אִתְעָרוּתָא דִּלְעֵלָּא קֹדֶם אִתְעָרוּתָא דִּלְתַתָּא וַאֲזַי הַנְּפָשׁוֹת הַנּוֹלָדִין הֵם בִּבְחִינַת סִטְרָא דְּנוּקְבָא בְּחִינַת אִישׁ מַזְרִיעַ תְּחִלָּה יוֹלֶדֶת בַּת. **כִּי עִקַּר מִדַּת הַדִּין שֶׁהוּא בְּחִינַת סִטְרָא דְּנוּקְבָא נִמְשָׁךְ מִתְּחִלַּת**

דאס אליין איז געווען די כוונה פון אויבערשטן, דער רבוש"ע האט באשאפן די וועלט אז די וועלט זאל נישט האבן קיין שלמות ביז מיר קומען נישט אריין.

עס איז דאך א מורא'דיגע חסד, ווייל דער רבוש"ע האט אונז געוואלט מזכה זיין מיר זאלן האבן א חלק אין די בריאה, מיר זאלן זיין א חלק. ער געבט אונז א חלק, ער געבט אונז א מתנה, דער רבוש"ע האט אונז ליב, ער וויל אונז געבן א מתנה. [מי הקדימני וכו'].

אזוי ווי א טאטע וואס ער קען מאכן א זאך, ער קען עס אליין מאכן - אבער ער האט ליב זיין קינד, וויל ער דער קינד זאל אויך האבן א חלק אין דעם - לאזט ער איבער א חלק פון די זאך און ער מאכט עס נישט, ער לאזט איבער פארן קינד. אה, פילט דער קינד, ער האט א חלק אין די זאך..

איז ווען דער רבוש"ע האט באשאפן די וועלט פון תחילת הבריאה שטייט "**בונה עולמות ומחריבם**[כא]", דער רבוש"ע האט עקסטער באשאפן די וועלט אויף א אופן אז די בריאה האט נישט קיין שלמות. דאס שטייט אין אלע ספרים, דאס איז א יסוד, א יסוד פון גאנץ אידישקייט איז דאס: **דער רבוש"ע האט באשאפן די וועלט מיט א חסרון, אז די וועלט זאל נישט קענען האבן קיין שלמות נאר דורך אונז**[כב]**!**

---

**הַדִּין שֶׁל בְּרִיאַת הָעוֹלָם שֶׁעִקָּר הָיָה עַל יְדֵי שֶׁהָיָה בִּתְחִלָּה בִּשְׁעַת בְּרִיאַת הָעוֹלָם אִתְעָרוּתָא דִּלְעֵלָּא בְּלֹא אִתְעָרוּתָא דִּלְתַתָּא** כַּיָּדוּעַ וּמוּבָן בַּכְּתָבִים.

**כא.** מקור הענין הוא במדרש (בראשית רבה ג, ז) והוא מסודות הקבלה בשורשי הבריאה בסוד השבירה וכו'. וראה באריכות בליקו"ה תפילת המנחה ז' (ל"ב). ובאוצר היראה ערך שחרית וכו' אות נ"ו.

**כב.** ראה ליקו"ה אומנין ד, ב: **ה' יִתְבָּרַךְ בָּרָא כָּל הַבְּרִיאָה רַק בִּשְׁבִיל הָאָדָם הַבַּעַל בְּחִירָה, וְעַל כֵּן הָיָה רְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ שֶׁהָאָדָם יַנְהִיג וִיקַיֵּם כָּל הָעוֹלָם וּמְלֹאוֹ,** וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב, וְהָאָרֶץ נָתַן לִבְנֵי אָדָם. **וְעַל כֵּן רָצָה שֶׁיִּתְנַהֵג כָּל הָעוֹלָם וּמְלֹאוֹ עַל יְדֵי אִתְעָרוּתָא דִּלְתַתָּא דַּיְקָא,** דְּהַיְנוּ עַל יְדֵי מַעֲשֵׂה בְּנֵי אָדָם הַתַּחְתּוֹנִים דַּיְקָא שֶׁהֵם דַּיְקָא יַנְהִיגוּ וִיחַיּוּ וִיקַיְּמוּ אֶת כָּל הָעוֹלָם. אַךְ בִּתְחִלַּת הַבְּרִיאָה שֶׁלֹּא הָיָה עֲדַיִן שׁוּם אָדָם הָיָה בְּהֶכְרֵחַ שֶׁיִּבְרָא אֶת הָעוֹלָם בְּנִפְלְאוֹתָיו לְבַדּוֹ בְּלִי שׁוּם אִתְעָרוּתָא דִּלְתַתָּא, **אֲבָל בָּרָא כָּל הַדְּבָרִים חֲסֵרִים עַד שֶׁהָאָדָם יְתַקֵּן אוֹתָם כְּדֵי שֶׁיַּשְׁלְמוּ**

[ש: די בריאה פון דא? עולם הזה דא אדער אלע עולמות?!] די גאנצע בריאה! אלע עולמות איז תלוי אין עולם הזה, אָן עולם הזה הויבט זיך נישט אן קיין עולם הבא. דער גאנצע עולם הבא איז דאך א מתן שכר אויף עולם הזה. אָן עוה"ז, הויבט זיך גארנישט אן!

איז דער רבוש"ע האט באשאפן א עוה"ז, באשאפן א פלאץ וואס דא איז דא חסרונות, דא איז דא א חסרון, און דא דארף מען מתקן זיין דעם חסרון. דער רבוש"ע האט לכתחילה באשאפן די וועלט מיט א חסרון, באשאפן אז די וועלט האט נישט קיין שלימות, מען דארף מתקן זיין די וועלט - דערפאר האט דער רבוש"ע גלייך בתחלת הבריאה באשאפן די וועלט אויף א אופן פון א חסרון.

## ב. קוב"ה ושכינתיה

יעצט, ווער איז דאס די "שכינה", וואס איז עס די שכינה? - די "**שכינה**" איז דער אויבערשטער אליין[כג]! איז וואס איז דאס שכינה, וואס איז דער טייטש שכינה? [בחור: די מהות וואס דער אויבערשטער איז זיך שוכן און מתגלה אין כלל ישראל..]. דו

---

**כָּל הַדְּבָרִים עַל יְדֵי אִתְעָרוּתָא דִלְתַתָּא עַל יְדֵי מַעֲשֵׂה בְּנֵי אָדָם דַּיְקָא** וְאָז עַל יְדֵי שֶׁהָאָדָם מַשְׁלִים וּמְתַקֵּן הַדָּבָר נֶחְשָׁב כְּאִלּוּ הוּא בְּעַצְמוֹ עָשָׂה אֶת הַדָּבָר וּבְרָאוֹ. כִּי כֵן הַדָּבָר שֶׁעִקַּר הַבְּרִיאָה צְרִיכָה לִהְיוֹת עַל יְדֵי אִתְעָרוּתָא דִלְתַתָּא, דְּהַיְנוּ עַל יְדֵי מַעֲשִׂים טוֹבִים שֶׁל הַצַּדִּיקִים וכו' **וּמִשָּׁם נִשְׁתַּלְשֵׁל שֶׁגַּם בְּגַשְׁמִיּוּת כָּל הַדְּבָרִים חֲסֵרִים וּצְרִיכִים תִּקּוּן עַל יְדֵי מַעֲשֵׂה בְּנֵי אָדָם הַתַּחְתּוֹנִים דַּיְקָא**, וּמֵחֲמַת זֶה בְּעַצְמוֹ כָּל הַדְּבָרִים חֲסֵרִים מִתְּחִלַּת הַבְּרִיאָה מֵחֲמַת שֶׁנִּבְרְאוּ בְּלִי אִתְעָרוּתָא דִלְתַתָּא שֶׁאָז אֵין שְׁלֵמוּת לְהַבְּרִיאָה כִּי עִקַּר שְׁלֵמוּת הַבְּרִיאָה הִיא עַל יְדֵי אִתְעָרוּתָא דִלְתַתָּא דַּיְקָא כַּנַּ"ל: (וראה בליקו"ה שבת ה, ג-ד)

**כג.** "**קודשא בריך הוא**" - תואר קדושה מורה על עצמותו יתברך הנעלם ומופרש מכל, ולית ביה תפיסה כלל. ו'**שכינה**' - מורה על רצונו השוכן בתוכנו ומקיים אותנו. (היעב"ץ בסידורו לפני עטיפת הטלית בנוסח לשם יחוד, עיי"ש). ומוהרנ"ת כותב: **כִּי בְּחִינַת הַהַנְהָגָה וְהַמַּלְכוּת מַה שֶּׁה' יִתְבָּרַךְ מְצַמְצֵם עַצְמוֹ כְּדֵי לְהַשְׁגִּיחַ וּלְהַנְהִיג הָעוֹלָם זֹאת הַבְּחִינָה נִקְרֵאת מַלְכוּת בְּחִינַת שְׁכִינָה**. (מו"מ ד, ח).

זאגסט גוט - [נאר] מען דארף עס ארויסזאגן גוט: דער רבש"ע איז **"אין סוף"**, מיר האבן נישט קיין השגה אין דער רבוש"ע, ער איז אין סוף, גדולת ה' איז אין סוף! מיר רעדן פון א זאך וואס מען קען עס נישט מצייר זיין בכלל - -

אבער דער רבוש"ע האט רחמנות אויף אונז, דער רבוש"ע וויל אז מיר זאלן קענען האבן א שייכות מיט אים[כד] - איז דער רבוש"ע משרה שכינתו ביי אונז, **"השרה שכינתו בתחתונים"** - דער רבוש"ע איז זיך מצמצם[כה] אז

---

וענין **"יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה"**, אשר היא תכלית הבריאה, ליחד ולהחזיר הכל למקור אחדותו יתברך, וכמו שאנו אומרים לפני כל מצוה לשם יחוד קוב"ה ושכינתיה וכו'. וכפי שגאון עוזנו מוהרנ"ת היטיב לבאר לאנשים כערכנו במתיקות לשונו (בהל' משא ומתן ד' אות ח): וְעַל נְקֻדָּה זֹאת סוֹבֵב כָּל כַּוָּנַת הַתּוֹרָה וְהַמִּצְווֹת וְכָל סוֹדוֹת הַכַּוָּנוֹת שֶׁל כָּל כִּתְבֵי הָאֲרִ"י זַ"ל וְזֹהַר הַקָּדוֹשׁ. כִּי מְבֹאָר בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁשֹּׁרֶשׁ כַּוָּנַת כָּל הַמִּצְווֹת הוּא לְיַחֵד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּהּ. וּכְמוֹ שֶׁנּוֹהֲגִין לוֹמַר קֹדֶם כָּל מִצְוָה וְדָבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה, **לְשֵׁם יִחוּד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּהּ וְכוּ'**, הַיְנוּ כַּנַּ"ל. כִּי עִקַּר סוֹד יִחוּד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּהּ הוּא בְּחִינָה זֹאת, כִּי בְּחִינַת הַהַנְהָגָה וְהַמַּלְכוּת מַה שֶּׁה' יִתְבָּרַךְ מְצַמְצֵם עַצְמוֹ כְּדֵי לְהַשְׁגִּיחַ וּלְהַנְהִיג הָעוֹלָם זֹאת הַבְּחִינָה נִקְרֵאת מַלְכוּת בְּחִינַת שְׁכִינָה. וּמִי שֶׁכּוֹפֵר חַס וְשָׁלוֹם, בְּהַשְׁגָּחָה וּמַפְרִיד הַנְהָגַת מַלְכוּתוֹ מִמֶּנּוּ יִתְבָּרַךְ הוּא נִרְגָּן מַפְרִיד אַלּוּף {היפך מ'ייחוד'}. וְעִקַּר אֱמוּנָתֵנוּ הַקְּדוֹשָׁה הוּא שֶׁאָנוּ מַאֲמִינִים כִּי לַה' הַמַּלְכוּת, הַיְנוּ שֶׁהַנְהָגַת הָעוֹלָם שֶׁהוּא בְּחִינַת מַלְכוּת מְקֻשָּׁר וּמְיֻחָד אֵלָיו כִּי הוּא לְבַדּוֹ מֶלֶךְ שַׁלִּיט וּמוֹשֵׁל בְּכָל הָעוֹלָם וּמַנְהִיג הַכֹּל בְּהַשְׁגָּחָתוֹ לְבַד. וֶאֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה הַזֹּאת אָנוּ מַמְשִׁיכִין עַל-יְדֵי כָּל מִצְוָה וּמִצְוָה, כִּי אֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה הַזֹּאת הִיא יְסוֹד כָּל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, כָּל מִצְוֹתֶךָ אֱמוּנָה. וְעַל-כֵּן אוֹמְרִים קֹדֶם כָּל מִצְוָה "לְשֵׁם יִחוּד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּהּ וְכוּ'". **כִּי עִקַּר כַּוָּנָתֵנוּ בְּכָל מִצְווֹתֵינוּ וַעֲבוֹדָתֵנוּ כְּדֵי לְהַמְשִׁיךְ עָלֵינוּ אֱמוּנָה הַזֹּאת שֶׁהִוא בְּחִינַת יִחוּד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּהּ** לְיַחֵד וּלְקַשֵּׁר הַנְהָגַת הַמַּלְכוּת אֵלָיו יִתְבָּרַךְ לְבַד כַּנַּ"ל (נמצא שהיחוד הוא ע"י האמונה שמחברים ומקשרים כל הנעשה בעולם להשי"ת שזה בחי' מלכות וכו' וזה נעשה ע"י התורה והמצוות וכו').

**כד.** ראה ליקו"ה דיינים ד, יב: **כִּי זֶה עִקַּר הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה כְּשֶׁנִּתְגַּלֶּה שֶׁשְּׁכִינַת אֱלֹהוּתוֹ בְּכָל הַדְּבָרִים שֶׁבָּעוֹלָם** שֶׁזֶּה נַעֲשֶׂה עַל יְדֵי הַדַּיָּן שֶׁדָּן דִּין אֱמֶת לַאֲמִתּוֹ כַּנַּ"ל. וראה בהל' ברכהמ"ז ד, יב: כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה עַל נֵר הַמַּעֲרָבִי שֶׁהוּא עֵדוּת לְכָל בָּאֵי עוֹלָם שֶׁהַשְּׁכִינָה שׁוֹרָה בְּיִשְׂרָאֵל. שֶׁזֶּה בְּחִינַת הִתְפָּאֲרוּת **שֶׁמֵּחֲמַת הִתְפָּאֲרוּתוֹ וְאַהֲבָתוֹ בָּנוּ הוּא מַשְׁרֶה שְׁכִינָתוֹ בְּתוֹכֵנוּ** נִמְצָא שֶׁכָּל מַעֲשֵׂי הַמְּנוֹרָה הוּא בְּחִינַת הִתְפָּאֲרוּת וכו'.

**כה.** ראה ליקו"מ תורה מ"ט: כִּי קֹדֶם הַבְּרִיאָה הָיָה אוֹר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֵין סוֹף, וְרָצָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שֶׁיִּתְגַּלֶּה מַלְכוּתוֹ וְאֵין מֶלֶךְ בְּלֹא עַם וְהֻצְרַךְ לִבְרֹא בְּנֵי אָדָם שֶׁיְּקַבְּלוּ עֹל מַלְכוּתוֹ. (רוצה לומר כי עיקר התגלות המלכות, הוא על אותם שמקיימים ציוויו ועושים רצונו אף על פי

מיר [די נבראים] זאלן קענען האבן א שייכות מיט אים. **דער רבוש"ע איז זיך מצמצם פון זיין גרויסקייט אויף א אופן אז מיר זאלן קענען האבן א שייכות מיט אים.**

אזוי ווי איינער וואס איז א גרויסער חכם הויבט אן רעדן מיט א קליין קינד - איז אויב ער וועט רעדן מיט אים אזוי ווי זיין חכמה וועט דער קינד נישט פארשטיין בכלל וואס ער רעדט צו אים.. - איז דער גרויסער חכם לאזט זיך אראפ צו דער קליין קינד, ער רעדט נישט מיט אים לויט זיין אייגענע חכמה, ער רעדט מיט אים לויט וויפל דער קינד קען פארנעמען. דאס הייסט, ער רעדט נישט מיט אים וואס ער איז אליין, ער רעדט מיט אים ווייניגער (די חכמה וואס ער רעדט מיט דער קינד איז נישט לפי זיין אמת'ע חכמה, נאר לפי דער 'כלי קיבול' פון דער קינד) - דאס הייסט ער איז זיך מצמצם.

דער רבוש"ע איז משרה זיין שכינה מיט אונז - ער לאזט זיך אראפ צו אונז אז מיר זאלן קענען האבן א שייכות מיט אים. איז דער אויבערשטער מיט זיין שכינה איז איין זאך, עס איז נישט קיין צוויי זאכן ח"ו. נאר דער רבוש"ע; דער רבוש"ע וואס ער איז (בעצמותו), און דער רבוש"ע וואס ער נעמט זיך אן פאר אונז - איז אזוי ווי צוויי זייטן (צוויי סארטן מידות/גילויים).

ס'איז אזוי ווי א טאטע וואס זיין אינגל לערנט ביי אים אין חדר. יא, אסאך מאל איז דא א מלמד וואס זיין קינד קומט לערנען ביי אים אין כתה - ער איז זיין טאטע, אבער ער איז אויך זיין רבי. איז וואס טוהט מען טאמער דער טאטע ווארפט ארויס א אינגל פון חדר - א רבי ווארפט ארויס א אינגל פון חדר זאגט ער אים 'רוף דיין טאטן' - איז וואס טוהט דער רבי וואס ער

---

שהוא כנגד רצונם, אף על פי כן מוכרחין לבטל רצונם מפני רצון המלך, וזה שייך רק אצל בני אדם שהם בעלי בחירה, על כן עליהם עיקר התגלות מלכותו יתברך. פל"ח.)

וְהִתְגַּלּוּת מַלְכוּתוֹ אִי אֶפְשָׁר לְהַשִּׂיג אֶלָּא עַל יְדֵי הַמִּדּוֹת {הספירות והעולמות} שֶׁעַל יְדֵי הַמִּדּוֹת מַשִּׂיגִין אֱלֹקוּתוֹ וְיוֹדְעִין שֶׁיֵּשׁ אָדוֹן מוֹשֵׁל וּמַנְהִיג. וְצִמְצֵם אֶת הָאוֹר אֵין סוֹף וכו' וְנִשְׁאַר חָלָל פָּנוּי וּבְתוֹךְ הֶחָלָל הַפָּנוּי, בָּרָא הָעוֹלָמוֹת וכו'. [וראה עוד על ענין השראת השכינה בליקו"מ תורה א תנינא בסופו.]

ווארפט ארויס זיין אייגענער אינגל? - זאגט ער אים 'גיי רוף דיין טאטן!' וואס טוהט דער אינגל, ער גייט אהיים אין שטוב און ערווארט ביז ווען דער טאטע קומט אהיים פון חדר, דארט איז ער א טאטע, דארטן רעדט ער צו אים ווי א טאטע. דער זעלבער טאטע - דא רעדט ער ווי א רבי, דא רעדט ער ווי א טאטע (ס'איז נישט קיין צוויי מענטשן, נאר צוויי סארטן הנהגות, דא פירט ער זיך ווי א טאטע און דא ווי א רבי).

און אין שטוב, דער טאטע הויבט אן רעדן, ער פרעגט אים: אינגל, פארוואס האט דיר דער רבי ארויסגעווארפן? פארוואס האט דיר דער רבי ארויסגעווארפן?! – (זאגט ער) איך האב קאמאנדיוועט (השתולל), איך האב זיך נישט איינגעהערט.. ער איז א רבי, אבער דא רעדט ער מיט אים ווי א טאטע, מיט רחמנות: פארוואס האסטו זיך נישט איינגעהערט, פארוואס האסטו זיך טאקע נישט איינגעהערט?! - איך האב זיך פאר חלומ'ט! - וואס מיינסטו, ווילסט איך זאל זיין דיין טאטע? בסדר, קענסט בלייבן ביי מיר אין שטוב, איך בין מסכים צו זיין דיין טאטע ווייטער אין שטוב - אבער אין חיידר דארפסטו זיך צושטעלן ווי א תלמיד פון חיידר.

ער איז אים מסביר אלץ טאטע ווי ער דארף זיך פירן צו אים, און אלץ רבי איז ער אים מסביר אז אין חיידר בין איך א רבי, דארטן דארפסטו זיך צושטעלן. דער טאטע לערנט אים אויס ווי אזוי זיך צו פירן צום רבין, אבער **ער איז אליין דער טאטע, ער איז אליין דער רבי.**

דער רבוש"ע איז "**קודשא בריך הוא**", ער איז א גאט איבער מלאכים, איבער שרפים - אבער פאר אונז איז ער א טאטע, ער איז משרה זיין שכינה, ער רוהט מיט אונז, ער לאזט זיך אראפ צו אונז. דער רבוש"ע לערנט אונז, ער לאזט זיך אראפ צו אונז, אונז לערנען ווי אזוי מיר זאלן זיך מקרב זיין צו אים. ווי אזוי מיר זאלן אים דינען, ווי אזוי מיר זאלן אריבערגיין, מיר זאלן זוכה זיין צום סוף צו זיין נאך העכער ווי מלאכים און העכער ווי שרפים. ער לערנט אונז אויס ווי אזוי מיר קענען אים דינען נאך העכער ווי מלאכים, נאך העכער ווי שרפים.

ער לאזט זיך אראפ צו אונזער מצב, ער לערנט אונז. די מלאכים מיט די שרפים קענען נאר זיין מלאכים און שרפים. אונז, וויבאלד אז דער רבוש"ע איז אונזער טאטע, ער לאזט זיך אראפ צו אונז - לערנט ער אונז אויס ווי אזוי צו אים דינען נאך העכער ווי מלאכים און העכער ווי שרפים.

איז דער רבוש"ע האט באשאפן א מציאות וואס הייסט "שכינה", וואס דאס מיינט אז דער רבוש"ע האט זיך מגלה געווען אז ער איז אונזער טאטע, אז ער איז שוכן ביי אונז..

## ג. מיעוט הירח

איז לאמיר צוריק גיין - וואס איז די מעשה[כו] פון די חמה מיט די לבנה, דער רבש"ע האט באשאפן די וועלט "**את שני המאורות הגדולים**" - די חמה

**כו.** ראה גמ' חולין דף ס: רבי שמעון בן פזי רמי, כתיב "ויעש אלהים את שני המאורות הגדולים" וכתיב "את המאור הגדול ואת המאור הקטן" {ולכאורה ב' פסוקים אלו סותרים אחד את השני, דכאן כתוב ששניהם גדולים וכאן כתוב שי מאור הגדול ומאור הקטן, ולכן הוא מפרש דכך הוה:} אמרה ירח לפני הקב"ה רבש"ע אפשר לשני מלכים שישתמשו בכתר אחד, אמר לה לכי ומעטי את עצמך. אמרה לפניו רבש"ע הואיל ואמרתי לפניך דבר הגון אמעיט את עצמי, אמר לה לכי ומשול ביום ובלילה, אמרה ליה מאי רבותיה דשרגא בטיהרא מאי אהני, אמר לה זיל לימנו בך ישראל ימים ושנים, אמרה ליה יומא נמי אי אפשר דלא מנו ביה תקופותא דכתיב "והיו לאותות ולמועדים ולימים ושנים", זיל ליקרו צדיקי בשמיך יעקב הקטן, שמואל הקטן, דוד הקטן. חזייה דלא קא מיתבא דעתה, אמר הקב"ה הביאו כפרה עלי שמיעטתי את הירח. והיינו דאמר ר"ש בן לקיש מה נשתנה שעיר של ראש חדש שנאמר בו לה' אמר הקב"ה שעיר זה יהא כפרה על שמיעטתי את הירח.

והנה ענין פגם ומיעוט הלבנה הוא מהענינים העמוקים והיסודיים בשורשי הבריאה וכלשונו של מוהרנ"ת על מאמר חז"ל: כִּי יָדוּעַ שֶׁזֶּה הַמַּאֲמָר הוּא מֵעִמְקֵי עִמְקֵי סוֹדוֹת הַתּוֹרָה מֵעִנְיַן פְּגִימַת הַלְּבָנָה וּמִלּוּאָהּ וְתִקּוּנָהּ אֲשֶׁר רֹב סוֹדוֹת הַקַּבָּלָה תְּלוּיִם בָּזֶה" (ברכות ראיה ד, ז). ומוהרנ"ת בליקוטי הלכות מבאר את הדברים בכמה מקומות באריכות נפלאה השווה לכל נפש, ראה בהל' ר"ח הלכה ד' (ג, ד) ובהל' תפילת המחנה ז'. ובהל' דינים ג' (ז') ובהל' צדקה ב' (א-ג) [ובהל' ברכות הראיה הלכה ה' (יא, יב)] לך נא ראה שמה כי הדברים ארוכים ונעימים ומחמת אריכות הדברים לא הבאנו

איז געווען מיט שלמות און די לבנה איז געווען בשלמות. איז וואס האט די לבנה געזאגט, וואס האט זי גע'טענה'ט? - אז די וועלט האט צוויי מלכים, עס פעלט גארנישט דא. צוויי מלכים, ביידע האבן די גרעסטע שלימות, קען נישט זיין אזא זאך אז צוויי מלכים זענען מולך, **"אי אפשר לשני מלכים משמשים בכתר אחד"**.

וואס האט איר דער אויבערשטער געזאגט? אה, זאגסט גוט - **"לכי ומעטי את עצמך"**, האסט געזאגט א גוטע זאך. האט זי געזאגט ווייל איך האב געזאגט א גוטע זאך, דערפאר דארף איך באקומען דעם עונש אז איך דארף זיך ממעט זיין?! שטייט [דארטן] אז ס'איז געווען א גאנצע דין ודברים, דער רבוש"ע האט איר פראבירט מפייס זיין, זי האט זיך נישט געלאזט מפייס זיין. ביז דער אויבערשטער האט געזאגט "איך דארף א כפרה", דער רבוש"ע כביכול אליין האט געזאגט 'איך דארף א כפרה'. דער רבוש"ע האט געהייסן ברענגען א שעיר ראש חודש **"הביאו עלי כפרה על שמיעטתי את הירח"**, איך דארף א כפרה אז איך האב געמאכט אזא זאך[כז].

יעצט, ווער איז די לבנה? איר האט אמאל געהערט רעדן די לבנה?! - די לבנה איז א פנימיות אין די לבנה, די פנימיות פון די לבנה איז מרמז אויף די שכינה. די זוהן און די לבנה דאס איז מרמז אויף **"קודשא בריך הוא ושכינתא"**. די זוהן איז די בחינה פון "קודשא בריך הוא"[כח], די זוהן לאזט זיך נישט אראפ. און די לבנה איז מרמז אויף די "שכינה", די שכינה לאזט זיך

---

את הדברים במילואם, והעתקנו רק מעט מזעיר כפי הנצרך להבנת הדברים. **וראה בהל' מתנה ומתנת שכיב מרע ג' שם מבאר מוהרנ"ת את סוד מיעוט הירח עפ"י תורה ס"ז ומקשר זאת לבחי' מאורי אור ומאורי אש, ולכאורה משם הקשר הדברים בין בכיית השכינה למיעוט הירח, ודו"ק.**

**כז.** ראה בליקו"ה תפילת המנחה ז, לד. [ראה ליקו"מ תורה א' תנינא ובליקו"ה ערלה ד.]

**כח.** כִּי **אוֹר הַחַמָּה שֶׁהוּא עֶצֶם הָאוֹר** וכו'. **וְאוֹר הַלְּבָנָה שֶׁהִיא בְּחִינַת צִמְצוּם הָאוֹר** כִּי לֵית לָהּ מִגַּרְמָהּ כְּלוּם, כִּי אִם מַה שֶּׁמְּקַבֶּלֶת מֵהַשֶּׁמֶשׁ וכו' מַה שֶּׁה' יִתְבָּרַךְ מְצַמְצֵם אֶת עַצְמוֹ בְּכַמָּה צִמְצוּמִים וכו', שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת אוֹר הַלְּבָנָה שֶׁהוּא בְּחִינַת צִמְצוּם הָאוֹר. (ברכות הראיה ה', יב)

אראפ צו אונז [דאס מיינט אזוי ווי די זוהן איז די עצם האור און די לבנה איז נאר א כלי און א גילוי פון דער אור השמש, אזוי די שכינה איז א גילוי פון אור השי"ת וואס איז מאיר דא אויף די וועלט].

יעצט, די זוהן מצד עצמה איז א ליכטיגקייט א גאנצע צייט, אבער די לבנה האט נישט קיין ליכטיגקייט א גאנצע צייט, זי דארף מקבל זיין פון די זוהן, זי איז נישט מקבל אלעמאל די זעלבע זאך. וואס דאס איז מרמז אויף די שכינה, וואס די ליכטיגקייט פון גילוי אור ה' אויף די וועלט, איז אסאך מאל פארטונקלט, ס'שיינט נישט אזוי, מען זעהט עס נישט געגוג אזוי ווי ס'איז באמת, ס'איז דא א הסתרת פנים.

טאקע לעתיד וועט זיין "**והיה אור הלבנה כאור החמה**", די לבנה וועט מקבל זיין פון די זוהן בשלמות, במילא וועט נישט זיין קיין שום פינסטערניש. ביינאכט וועט זיין א פולע ליכטיגקייט, ווייל די לבנה וועט מקבל זיין די פולע ליכטיגקייט פון די זוהן. וואס דאס איז מרמז אז די 'שכינה' וועט מקבל זיין די פולע ליכטיגקייט פון 'קודשא בריך הוא', די שכינה (דער גילוי פון קוב"ה דא אויף די וועלט), **וועט זיין בשלימות.**

[**ש: וואס איז קידוש לבנה?**] "**קידוש לבנה**" איז אזוי ווי מען האט מקדש געווען יעדן חודש, מען האט מקדש געווען ר"ח, האט בית דין געדארפט מקדש זיין. און מיט דעם וואס מען איז מקדש יעדן חודש, מען איז מקדש די לבנה און מ'זאגט "**מקודש החודש**". מיט דעם איז מען מוסיף א תקון פאר די לבנה, נאך א תקון, נאך א תקונכט.

די זעלבע זאך מיר, בשעת מיר זאגן, יעדער חודש מאכן מיר א ברכה אויף די לבנה אז זי האט זיך באנייט נאכאמאל [מיר ווארטן, (**אביסל**) נישט גלייך אנהויב, מיר ווארטן ס'זאל זיין ז' שלמים, זי זאל אביסל וואקסן] - איז דאס איז "**קבלת פני השכינה**", מאכן מיר א ברכה אויף דעם זענען מיר אויך עוסק אין תיקון פון די לבנה.

---

**כט.** ראה בליקו"ה ר"ח ד, ד: כִּי **קִדּוּשׁ הַחֹדֶשׁ**, הוּא לְמַלְּאוֹת פְּגִימַת הַלְּבָנָה וְלֹא יִהְיֶה בָּהּ שׁוּם מִעוּט וְיִהְיֶה אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה וְכוּ' [..] וְזֶה בְּחִינַת סוֹד קִדּוּשׁ הַחֹדֶשׁ שֶׁאָנוּ צְרִיכִין בְּכָל חֹדֶשׁ לְקַדֵּשׁ הַחֹדֶשׁ, לְהַמְשִׁיךְ הַבְּחִינָה שֶׁתִּהְיֶה לֶעָתִיד, שֶׁהוּא מִלּוּי פְּגִימַת הַלְּבָנָה מִמִּעוּטָהּ.

נחזור לענינינו, איז ווען די לבנה איז געווען בשלימות, דאס מיינט אז די שכינה איז געווען בשלימות, דער גילוי אור השי"ת איז געווען בשלימות. אז דער רבוש"ע איז שוכן ביי אונז, האט די וועלט געהאט די פולע שלמות.

יעצט, האט די לבנה געזאגט "**אי אפשר לשני מלכים שישתמשו בכתר אחד**[ל']" - זי האט גע'טענה'ט אז די וועלט איז בשלמות, די וועלט איז בשלמות, עס פעלט דא גארנישט. די שכינה האט געזאגט אז עס פעלט דא נישט, קיין שום חסרון איז נישט דא, וויבאלד דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט בשלמות.

פארוואס האט טאקע זי עס גע'טענה'ט, פארוואס האט זי געזאגט אז עס פעלט דא נישט קיין שום חסרון? - די שכינה האט זיך אנגענומען פאר כלל ישראל, זי האט געזאגט: ווייל די גאנצע זאך וואס דו האסט באשאפן די וועלט אז עס זאל זיין דא א חסרון, כדי אז עס וועט זיין א חסרון וועלן די אידן ממלא זיין די חסרון - אבער די וועלט האט נישט קיין שום חסרון, יעצט, אז אלעס שיינט, אוואו קען ארויסקומען די גדולה פון כלל ישראל?! די גאנצע גרויסקייט פון כלל ישראל וועט ארויסקומען [נאר] ווען עס וועט

---

**ל.** וְזֶה בְּחִינַת קִטְרוּג הַיָּרֵחַ, "**אִי אֶפְשָׁר לִשְׁנֵי מְלָכִים לְהִשְׁתַּמֵּשׁ בְּכֶתֶר אֶחָד**". כִּי בְּוַדַּאי אִי אֶפְשָׁר שֶׁיִּשְׁתַּמְּשׁוּ שְׁנֵי מְלָכִים בְּכֶתֶר אֶחָד, דְּהַיְנוּ שֶׁיִּהְיֶה בְּחִינַת הִתְגַּלּוּת הַמַּלְכוּת גַּם כֵּן בִּבְחִינַת אֵין סוֹף כִּי אִם כֵּן יִהְיֶה הַכֹּל אֵין סוֹף. וְלֹא יִהְיֶה בְּחִינַת הִתְגַּלּוּת מַלְכוּתוֹ כְּלָל, עַל-כֵּן אָמַר לָהּ, "**לְכִי וּמַעֲטִי אֶת עַצְמֵךְ**", כִּי עִקַּר הִתְגַּלּוּת הִיא רַק עַל-יְדֵי בְּחִינַת הַמִּעוּט וְהַצִּמְצוּם כַּנַּ"ל. (ראש חודש ד, ג)

וְזֶה בְּחִינַת "**שְׁנֵי הַמְּאֹרֹת הַגְּדֹלִים**" שֶׁבִּתְחִלָּה רָצָה שֶׁיִּהְיוּ שְׁנֵיהֶם גְּדוֹלִים, דְּהַיְנוּ שֶׁהָאוֹר הָאֱמֶת הַמְלֻבָּשׁ בְּזֶה הָעוֹלָם שֶׁהוּא בְּחִינַת מַלְכוּת, בְּחִינַת לְבָנָה, יִהְיֶה שָׁוֶה לְעֶצֶם אוֹר הָאֱמֶת, שֶׁהוּא ה' יִתְבָּרַךְ בְּעַצְמוֹ כִּבְיָכוֹל, שֶׁנִּזְכֶּה גַּם בָּעוֹלָמוֹת לָדַעַת אֲמִתָּתוֹ כְּמוֹ שֶׁהוּא בֶּאֱמֶת כַּנַּ"ל. אֲבָל מֵחֲמַת קִטְרוּג הַיָּרֵחַ **אִי אֶפְשָׁר לִשְׁנֵי מְלָכִים לְהִשְׁתַּמֵּשׁ בְּכֶתֶר אֶחָד**, כִּי בָּעוֹלָמוֹת אִי אֶפְשָׁר לִסְבֹּל וּלְקַבֵּל עֶצֶם אוֹר הָאֱמֶת, כִּי יִתְבַּטְּלוּ בִּמְצִיאוּת. עַל כֵּן אָמַר לָהּ ה' יִתְבָּרַךְ, **לְכִי וּמַעֲטִי אֶת עַצְמֵךְ**. וּמִעוּט הַיָּרֵחַ זֶה בְּחִינַת חֹשֶׁךְ שֶׁנֶּחֱשַׁךְ אוֹרָהּ וְנִתְמַעֵט, דְּהַיְנוּ, שֶׁכִּבְיָכוֹל, ה' יִתְבָּרַךְ צִמְצֵם אוֹר הָאֱמֶת וְהִסְתִּיר וְהִצְפִּין וְהִלְבִּישׁ אוֹר הָאֱמֶת וּמִעֲטוֹ בְּאֹפֶן שֶׁנּוּכַל לְקַבְּלוֹ. (דיינים ג,ז).

זיין א חסרון אין די בריאה (אזוי ווי מיר האבן אנגעהויבן פריער אז די גאנצע שלימות הבריאה אז ס'איז דא א מציאות פון בחירה, אז ס'איז דא א מציאות פון רע ופירוד און מ'איז זיך מתגבר און בוחר בטוב מיט א "אתערותא דלתתא").

האט דער אויבערשטער איר געזאגט, אה, דו האסט טענות אויף די שלימות, ווען ביסטו געטריי? אה, ביסט געטריי פאר כלל ישראל - אויב אזוי "**לכי ומעטי את עצמך**"[לא] - גיי, דארפסט זיך ממעט זיין, דארפסט טאקע

---

**לא.** ראה ליקו"ה צדקה ב, ג (עפ"י תורה צ"א תנינא שם מבאר רביה"ק ענין מיעוט הלבנה, עיי"ש): כִּי עִקַּר בְּחִינַת מִלּוּי הַלְּבָנָה הוּא עַל יָדֵינוּ דַּיְקָא, כִּי עִקַּר מִעוּט הַיָּרֵחַ הָיָה מֵחֲמַת הַקִּטְרוּג שֶׁקִּטְרְגָה, **אִי אֶפְשָׁר לִשְׁנֵי מְלָכִים לְהִשְׁתַּמֵּשׁ בְּכֶתֶר אֶחָד**, כִּי יֵשׁ אִתְעָרוּתָא דִּלְעֵלָּא וְיֵשׁ אִתְעָרוּתָא דִּלְתַתָּא. וְאִיתָא בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ שֶׁכְּשֶׁאֵין אִתְעָרוּתָא דִּלְתַתָּא חַס וְשָׁלוֹם, וְהָעוֹלָם מִתְקַיֵּם עַל-יְדֵי אִתְעָרוּתָא דִּלְעֵלָּא לְבַד, אֲזַי חַס וְשָׁלוֹם, דִּינִים שׁוֹלְטִין. וְזֶה עִקַּר מִעוּט הַיָּרֵחַ עַל-יְדֵי שֶׁאֵין אִתְעָרוּתָא דִּלְתַתָּא, כִּי הַחָכְמָה תַּתָּאָה שֶׁהִיא בְּחִינַת הַיָּרֵחַ הִיא בְּיָדֵינוּ, כִּבְיָכוֹל, וּכְפִי מַעֲשֵׂינוּ כֵּן הוּא בְּמִלּוּי אוֹ בְּמִעוּט חַס וְשָׁלוֹם, כַּיָּדוּעַ. וְזֶה בְּחִינַת הַקִּטְרוּג **אִי אֶפְשָׁר לִשְׁנֵי מְלָכִים לְהִשְׁתַּמֵּשׁ בְּכֶתֶר אֶחָד**, הַיְנוּ שֶׁיִּהְיוּ שְׁנֵיהֶם שָׁוִים תָּמִיד וְיִשְׁתַּמְּשׁוּ שְׁנֵיהֶם בְּכֶתֶר אֶחָד עַל-יְדֵי אִתְעָרוּתָא דִּלְעֵלָּא לְבַד, כִּי אִם לֹא הָיוּ צְרִיכִין אִתְעָרוּתָא דִּלְתַתָּא כְּלָל וְהָיָה מִתְנַהֵג הַכֹּל עַל-יְדֵי אִתְעָרוּתָא דִּלְעֵלָּא לְבַד בְּוַדַּאי לֹא הָיְתָה הַלְּבָנָה צְרִיכָה לְהִתְמַעֵט, כִּי אִתְעָרוּתָא דִּלְעֵלָּא, כִּבְיָכוֹל, אֵינוֹ מִשְׁתַּנֶּה לְעוֹלָם וּבְוַדַּאי הָיָה הַכֹּל בִּשְׁלֵמוּת תָּמִיד, **אֲבָל הַלְּבָנָה בְּעַצְמָהּ קִטְרְגָה**, כִּי זֶה אִי אֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה אִתְעָרוּתָא דִּלְעֵלָּא לְבַד בְּלֹא אִתְעָרוּתָא דִּלְתַתָּא, כִּי זֶה עִקַּר בְּרִיאַת הָעוֹלָם כְּדֵי שֶׁיִּהְיֶה לְהָאָדָם בְּחִירָה. וַאֲנַחְנוּ בְּזֶה הָעוֹלָם נַעֲבֹד אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ וְיִתְקַיֵּם הָעוֹלָם עַל-יְדֵי הִתְעוֹרְרוּת הַתַּחְתּוֹנִים בְּחִינַת אִתְעָרוּתָא דִּלְתַתָּא. וְעַל-כֵּן אִי אֶפְשָׁר לִשְׁנֵי מְלָכִים לְהִשְׁתַּמֵּשׁ בְּכֶתֶר אֶחָד, כִּי חָכְמָה תַּתָּאָה, בְּחִינַת הַלְּבָנָה, בְּהֶכְרֵחַ שֶׁתִּתְלַבֵּשׁ בֵּין הַתַּחְתּוֹנִים כְּדֵי לְקַיְּמָם וּלְהַחֲיוֹתָם. וְעַל-כֵּן בְּהֶכְרֵחַ שֶׁיִּהְיוּ תְּלוּיִים שְׁלֵמוּתָהּ עַל-יְדֵי הִתְעוֹרְרוּת תַּחְתּוֹן שֶׁבִּשְׁבִיל זֶה הָיָה עִקַּר בְּרִיאַת הָעוֹלָם.

וְעַל-כֵּן אָמַר לָהּ, **לְכִי וּמַעֲטִי אֶת עַצְמֵךְ**. כְּדֵי שֶׁתּוּכַל לְהִתְלַבֵּשׁ בֵּין הַתַּחְתּוֹנִים לְקַיֵּם הָעוֹלָם וְנָתַן לָהּ הַכּוֹכָבִים לְהָפִיס דַּעְתָּהּ. זֶה בְּחִינַת וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים, בְּחִינַת כְּלַל יִשְׂרָאֵל שֶׁנִּמְשְׁלוּ לְכוֹכָבִים, כִּי יִשְׂרָאֵל וְהַצַּדִּיקִים הֵם מְפַיְּסִין דַּעְתָּהּ, כִּי הֵם מְמַלְּאִין אוֹתָהּ וּמַשְׁלִימִין אוֹתָהּ, כִּי אַחַר הַקִּטְרוּג וְאָז נִתְמַעֲטָה אֲזַי הַכֹּל תָּלוּי בְּיַד הַתַּחְתּוֹנִים וְעַל-יְדֵי יִשְׂרָאֵל וְהַצַּדִּיקִים עַל-יְדֵי-זֶה הֵם מְמַלְּאִין פְּגִימָתָהּ וְאָז יִתְקַיֵּם, **וְהָיָה אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה**.

כִּי זֶה עִקַּר הַשְּׁלֵמוּת שֶׁל כָּל הָעוֹלָמוֹת שֶׁתִּתְמַלֵּא הַלְּבָנָה מִפְּגִימָתָהּ עַל יָדֵינוּ דַּיְקָא עַל-יְדֵי בְּחִינַת אִתְעָרוּתָא דִּלְתַתָּא וכו'. וְעִקַּר הַמִּעוּט נַעֲשָׂה עַל-יְדֵי שֶׁאֵין אִתְעָרוּתָא דִּלְתַתָּא כַּנַּ"ל. וְעַל-כֵּן אִי

מאכן א חסרון, דו אליין דארפסט מאכן דעם חסרון, דו דארפסט זיך ממעט זיין. עס דארף ווערן א חסרון, עס דארף ווערן פארטונקלט, עס דארף ווערן פארטונקלט די ליכטיגקייט (פון גילוי השכינה).

איז די שכינה, ווייל די שכינה האט געוואלט די טובה פון כלל ישראל האט די שכינה זיך [טאקע] ממעט געווען. וואס דאס מיינט, אז דער רבוש"ע האט געמאכט א מציאות עס זאל זיין א מציאות פון בחירה, עס זאל זיין א מציאות פון פינסטערניש, א מציאות פון יצר הרע, א מציאות אז מען זאל קענען זיין ווייט פון אים (דאס מיינט דער 'מיעוט האור' פון די שכינה - אז דער גילוי שיינט נישט גענוג, ס'איז דא א הסתרה).

[אבער אעפ"כ איז די שכינה לאזט זיך אראפ "**השוכן איתם בתוך טומאתם**" - די שכינה לאזט זיך אראפ צו זיין מיט אונז אין די נידריגסטע מצבים. וואס איז אונזערע נידריגסטע מצבים - אז מיר מאכן ח"ו עבירות, אז מען ווערט דערווייטערט פונעם אויבערשטן.]

איז ווען די שכינה האט געזען וואס די זאכן (די הסתרה און מיעוט) ברענגט פאר כלל ישראל, זי האט געזען די ירידות פון יעדן איינעם - האט די שכינה אנגעהויבן וויינען אוואו ברענגט אונז דאס צו..

די שכינה האט פון בריאת העולם געזען דער עתיד, די שכינה האט געוויינט אויפן עתיד, די שכינה האט געוויינט וואס דא גייט פאר, די שכינה האט געוויינט אויף די גאנצע זאך וואס דא טוט זיך מיט כלל ישראל.

---

אֶפְשָׁר לְמַלְאוֹת הַחִסָּרוֹן כִּי אִם עַל יָדֵינוּ דַּיְקָא, כִּי אִם יִתְמַלֵּא חֶסְרוֹנוֹ עַל-יְדֵי ה' יִתְבָּרַךְ, כִּבְיָכוֹל, שֶׁזֶּה בְּחִינַת אִתְעָרוּתָא דִּלְעֵלָּא לְבַד הֲרֵי חָזַר הַקִּטְרוּג לִמְקוֹמוֹ חַס וְשָׁלוֹם, וְיַחֲזֹר הַמִּעוּט כְּבַתְּחִלָּה, כִּי עִקַּר הַמִּעוּט נַעֲשָׂה עַל-יְדֵי שֶׁאֵין אִתְעָרוּתָא דִּלְתַתָּא, חַס וְשָׁלוֹם, נִמְצָא, כְּשֶׁיֵּשׁ עֲנִיּוּת חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁזֶּה בְּחִינַת מִעוּט הַלְּבָנָה, כִּבְיָכוֹל, אֵין בְּיָדוֹ יִתְבָּרַךְ לְמַלְאוֹת הַחִסָּרוֹן כִּי יַחֲזֹר הַדָּבָר לִמְקוֹמוֹ, מֵאַחַר שֶׁיִּתְמַלֵּא עַל-יְדֵי אִתְעָרוּתָא דִּלְעֵלָּא לְבַד בְּלֹא אִתְעָרוּתָא דִּלְתַתָּא וְכַנַּ"ל. כִּי עִקַּר מִלּוּי הַלְּבָנָה תָּלוּי בְּיָדֵינוּ דַּיְקָא כַּנַּ"ל.

## ד. בכי השכינה

איז מיר גייען צוריק צום יסוד וואס דער רבי האט געזאגט דא. דער רבי זאגט אז "שכינה במערב", האט מען געפרעגט, ווען איז עס געווען - עס איז שוין פון תחילת הבריאה שכינה במערב.

ווען דער רבוש"ע האט באשאפן די וועלט, האט דער רבוש"ע זיך אליין אראפגעברענגט צו אונז, דאס איז שכינה במערב, דאס איז תחילת הבריאה. דער רבוש"ע האט זיך אראפגעלאזט צו זיין מיט אונז בראשית הבריאה, וואס דעמאלטס איז געווארן א מציאות פון "מלכות", א מציאות פון נבראים וואס זענען אים ממליך.

און דעמאלטס האט דער רבוש"ע זיך אראפגעלאזט צו זיין מיט אונז, און ס'איז געווארן א מציאות פון "שכינה". און אזוי האט זיך אנגעהויבן די בריאה, די בריאה האט זיך אנגעהויבן אז די שכינה וויינט אויף אונז[לב].

דאס הייסט אזוי, שטעלט זיך פאר א קינד ווערט געבוירן, עס איז שוין דא איינער וואס וויינט אויף אים, עס איז שוין דא איינער וואס טראכט אויף אים, ער וויינט אויף אים, איינער איז זיך משתתף אין זיין צער.

---

**לב.** ראה ליקו"ה שלוחין ג' דברים עמוקים בסוד הבכיה של מעלה שנעשה מיד אחר הבריאה וכו' וביאור ענין הבכיה שהוא גם קלקול וגם תיקון וכו' עפ"י תורה נ"א ותורה ר"נ, עיי"ש ותמצא נחת. ונעתיק רק קטע אחד: וְעַל כֵּן צְרִיכִין לִבְכּוֹת דַּיְקָא עַל חֻרְבַּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וְכֵן עַל חֲטָאָיו, כִּי אֵין הַדִּין נִמְתָּק אֶלָּא בְּשָׁרְשׁוֹ, **כִּי בְּכִיַּת יִשְׂרָאֵל הוּא בְּחִינַת בְּכִיַּת הַמַּיִם הַתַּחְתּוֹנִים שֶׁבּוֹכִין 'אֲנַן בְּעֵינָן לְמֶהֱוֵי קָדָם מַלְכָּא'**, שֶׁזֶּהוּ עִקַּר בְּכִיַּת יִשְׂרָאֵל שֶׁבּוֹכִין עַל חֶטְאָם וַעֲווֹנוֹתֵיהֶם שֶׁגָּרְמוּ חֻרְבַּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוֹ עִכּוּב בִּנְיָנוֹ וְאָנוּ רְחוֹקִים מֵאָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם וּמֵאַרְצוֹ יָצָאנוּ וְעַל כֵּן אָנוּ בּוֹכִים כְּבֵן לִפְנֵי אָבִיו, כִּי אֲנַן בְּעֵינָן לְמֶהֱוֵי קדם מַלְכָּא וּלְהִתְקָרֵב אֵלָיו בֶּאֱמֶת. **וּבִבְכִיָּה זוֹ מַעֲלֶה כָּל הַדְּמָעוֹת, שֶׁהֵם בִּבְחִינַת אַחַר הַבְּרִיאָה, בְּחִינַת הַסְתָּרַת הַהַשְׁגָּחָה, מַעֲלֶה הַכֹּל לְשָׁרְשׁוֹ לִבְחִינַת הַהַשְׁגָּחָה**, שֶׁהוּא בְּחִינַת כֻּלּוֹ אֶחָד, שֶׁמִּשָּׁם שֹׁרֶשׁ הַדְּמָעוֹת, מֵאַחַר שֶׁבּוֹכֶה לְהִתְקָרֵב אֵלָיו יִתְבָּרַךְ וְלִכְלֹל בּוֹ. נִמְצָא, שֶׁנִּכְלָלִין הַדְּמָעוֹת בְּאֶחָד, שֶׁזֶּהוּ עִקַּר בְּחִינַת כְּלָלִיּוּת אַחַר הַבְּרִיאָה בְּאֶחָד וְכַנַּ"ל וְהָבֵן הֵיטֵב.

איז א קינד וואס האט שכל, ער פארשטייט אז זיין מאמע וויינט אויף אים, אז איינער טראכט פון אים, איינער וויינט אויף אים. איז אויב ער האט שכל, ער פארשטייט די געטריישאפט אז איינער וויינט אויף אים, הויבט ער אן טראכטן פארוואס וויינט ער, ער הויבט אן זיך משתתף זיין - איז דער וויינען, איז פאר אים לתועלת.

אבער טאמער איינער א קינד וואס די מאמע וויינט אויף אים, און ער לאכט, עס אינטערעסירט אים בכלל נישט.. - איז וואס מער די מאמע וויינט, ווערט פון דעם א גרויסע קלקול פאר די מאמע, ס'איז נישט גוט, וויינען איז נישט א גוטע זאך. דאס וואס די שכינה וויינט, פון דעם ווערט א חושך אין די וועלט. פון דעם וואס די שכינה וויינט אויף אונז און מיר זענען זיך נישט משתתף מיט די צער השכינה - פון דעם ווערט אלע מיני חושך אין די וועלט.

[בחור: וואס איז פשט אז פון דעם אליין ווערט די קלקול?!] ווייל "ושבו העבים אחר הגשם", דער וויינען ברענגט א חושך, אז מען וויינט, אז מען וויינט אסאך ווערט קאליע די אויגן. פון דעם וואס די שכינה וויינט אויף אונז ווערט א קלקול. אזוי ווי בגשמיות ווען א מענטש וויינט, ווערט אים נתקלקל די אויגן, אזוי איז די מציאות, די אויגן אז זיי וויינען ווערן זיי נתקלקל.

[בחור: פארוואס האט עס מיט די שכינה?] אזוי האט דער רבוש"ע געמאכט. ווייל דער רבוש"ע האט געוואלט עס זאל זיין א מציאות וואס עס קען נתקלקל ווערן, אז דער תיקון זאל זיין תלוי אין אונז. אויב מיר וויינען מיט, מיט די שכינה - מיט דעם זענען מיר מתקן די שכינה, און אויב מיר וויינען נישט מיט, מיט די שכינה ווערט א קלקול רח"ל.

דער רבש"ע האט געוואלט עס זאל זיין תלוי אין אונז. און מיט דעם האט דער רבי אנגעהויבן די תורה דא, אז דער רבוש"ע וויל זיך אומקערן צו אונז, דאס הייסט אז די שכינה וויינט אויף אונז; דער רבוש"ע וויל אונז, ער וויינט אז ער וויל זיך אומקערן צו אונז.

און אויב מיר וויינען נישט, ווערט גרויסע קלקולים. ס'שטייט "**מיום שנחרב ביהמ"ק אין לך יום שאין קללתו מרובה מחברו**[לג]", פון דעם חורבן ביהמ"ק ווערט א גאנצע צייט ערגער, יעדער יאר וואס דער ביהמ"ק ווערט נישט געבויעט, איז נישט נאר אז דער ביהמ"ק ווערט נישט געבויעט, נאר עס ווערט א גרעסערער חורבן. וואס מער דער קלקול [פון די בכייה] איז ממשיך, ווערט א גרעסערער קלקול.

און דער וואס ער וויינט ער מאכט א תיקון, **דער וואס ער וויינט ער איז זוכה אז עס זאל נישט ווערן קיין קלקול, עס זאל ווערן א תיקון**[לד].

---

**לג.** ראה ליקו"ה תשעה באב ג, ד: כִּי כָּל הַצָּרוֹת חַס וְשָׁלוֹם, בָּאִין מִבְּחִינַת "**מְאוֹרֵי אֵשׁ**" שֶׁמֵּהֶם כָּל הַצָּרוֹת רַחֲמָנָא לִצְלַן כַּיָּדוּעַ. וְעַל-כֵּן "**מִיּוֹם שֶׁחָרַב בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אֵין יוֹם שֶׁאֵין קִלְלָתוֹ מְרֻבָּה מֵחֲבֵרוֹ**" כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (תנחומא תצוה, יג), כִּי מִיּוֹם שֶׁחָרַב בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וְנִסְתַּלְּקוּ מְאוֹרֵי אוֹר וְנִתְגַּבְּרוּ מְאוֹרֵי אֵשׁ, רַחֲמָנָא לִצְלַן, שֶׁמֵּהֶם כָּל הַצָּרוֹת רַחֲמָנָא לִצְלַן.

**לד.** ראה ליקו"ה לולב א, ב: וּלְבָאֵר קְצָת יוֹתֵר, כִּי עִקַּר הִסְתַּלְּקוּת מְאוֹרֵי אוֹר שֶׁזֶּה בְּחִינַת הַעְלָמָה שֶׁנִּתְעַלֵּם הַפְּאֵר הוּא עַל-יְדֵי הַבְּכִיָּה שֶׁל הַשְּׁכִינָה, בְּחִינַת רָחֵל מְבַכָּה עַל בָּנֶיהָ וכו'. וְעַל-כֵּן הַתִּקּוּן הוּא גַּם כֵּן עַל-יְדֵי הַבְּכִיָּה שֶׁל יִשְׂרָאֵל, **כִּי כְּנֶגֶד מַה שֶּׁפָּגְמוּ וְגָרְמוּ בְּכִיָּה לַשְּׁכִינָה שֶׁעַל-יְדֵי זֶה נִסְתַּלְּקוּ מְאוֹרֵי אוֹר וְנִתְעַלֵּם הַפְּאֵר כְּנֶגֶד זֶה צְרִיכִים לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה וְלִבְכּוֹת עַל הַחֲטָאִים וְהַפְּגָמִים שֶׁעַל יָדָם גָּרַם בְּכִיָּה לַשְּׁכִינָה, כִּבְיָכוֹל, וּבָזֶה בְּעַצְמוֹ מְתַקֵּן מַה שֶּׁפָּגַם.** וַאֲזַי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מְרַחֵם וּמֵשִׂים פְּאֵר תַּחַת אֵפֶר, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת תִּקּוּן הַבְּכִיָּה כַּנַּ"ל, כִּי אַף-עַל-פִּי שֶׁהַבְּכִיָּה הוּא בְּחִינַת הִסְתַּלְּקוּת מְאוֹרֵי אוֹר וְהִתְגַּבְּרוּת מְאוֹרֵי אֵשׁ חַס וְשָׁלוֹם, אַף-עַל-פִּי-כֵן כְּשֶׁאָנוּ מִתְעוֹרְרִין בִּבְכִיָּה אֲזַי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מְרַחֵם בִּבְחִינַת וְהִנֵּה נַעַר בּוֹכֶה, מִיָּד וַתַּחְמֹל עָלָיו. וְעַל-יְדֵי גֹּדֶל הָרַחֲמָנוּת הוּא יִתְבָּרַךְ מְהַפֵּךְ מֵהֶפֶךְ אֶל הֶפֶךְ וּמֵשִׂים פְּאֵר תַּחַת אֵפֶר, הַיְנוּ תַּחַת אֵפֶר שֶׁנַּעֲשָׂה עַל-יְדֵי הַבְּכִיָּה הַנַּ"ל. וְעַכְשָׁיו נִתְהַפֵּךְ וְנַעֲשָׂה עַל-יְדֵי הַבְּכִיָּה פְּאֵר תַּחַת אֵפֶר, כִּי הַכֹּל תָּלוּי בָּנוּ, כִּי אֵין חָבוּשׁ מַתִּיר אֶת עַצְמוֹ מִבֵּית הָאֲסוּרִים, (כְּמוֹ שֶׁאִיתָא בַּתִּקּוּנִים). **וְעַל-כֵּן עַל-יְדֵי הַבְּכִיָּה שֶׁל הַשְּׁכִינָה אֵין נִתְעוֹרֵר הַגְּאֻלָּה, כִּי אַדְּרַבָּא, זֶהוּ בְּחִינַת הַפְּגָם שֶׁגָּרַמְנוּ בְּכִיָּה לַשְּׁכִינָה, כִּבְיָכוֹל, שֶׁעַל-יְדֵי זֶה נִסְתַּלְּקִין מְאוֹרֵי אוֹר וְכוּ' כַּנַּ"ל**, אֲבָל תֵּכֶף כְּשֶׁאָנוּ מִתְעוֹרְרִין בִּתְשׁוּבָה בִּבְכִיָּה, וַאֲזַי נִתְעוֹרֵר רַחֲמָיו יִתְבָּרַךְ וְנִתְתַּקֵּן הַפְּגָם שֶׁגָּרַמְנוּ בְּכִיָּה לַשְּׁכִינָה וְנַעֲשָׂה פְּאֵר תַּחַת אֵפֶר. ובהל' תפילין ז, ג: כִּי תִּקּוּן בְּחִינַת הַמְּאוֹרֵי אֵשׁ כַּנַּ"ל, זֶהוּ בְּחִינַת תִּקּוּן מִדַּת לַיְלָה שֶׁאָז בְּחִינַת שְׁלִיטַת הַמְּאוֹרֵי אֵשׁ וכו' עַד שֶׁזּוֹכִין שֶׁלַּיְלָה כַּיּוֹם יָאִיר, שֶׁגַּם הַמְּאוֹרֵי אֵשׁ יִתְתַּקְּנוּ וְיִכְלְלוּ בִּבְחִינַת מְאוֹרֵי אוֹר, **שֶׁזֶּה זוֹכִין עַל-יְדֵי הַבְּכִיָּה בַּחֲצוֹת, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת אֵין הַדִּין נִמְתָּק אֶלָּא בְּשָׁרְשׁוֹ**, כִּי עַל-יְדֵי הַדְּמָעוֹת נִפְגָּמִין ח"ו, בְּחִינַת הַמְּאוֹרֵי אוֹר, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב שָׁם, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת רָחֵל מְבַכָּה עַל בָּנֶיהָ, שֶׁזֶּה בְּחִינַת חֻרְבַּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אֲבָל מֵחֲמַת זֶה בְּעַצְמוֹ צְרִיכִין לִבְכּוֹת מְאֹד עַל חֻרְבַּן בֵּית

לאמיר יעצט רעדן למעשה'דיג, יעדע יאר וואס עס גייט אריבער אויף אונז די דריי וואכן, די דריי וואכן וואס גייט אריבער אויף כלל ישראל ברענגט א פינסטערניש אויף כ"י. און די וואס זענען זיך משתתף מיט די שכינה, ברענגט עס צו א תקון.

אזוי ווי ס'שטייט "**כל המתאבל על ירושלים זוכה ורואה בשמחתה**[לה]" - נישט אז עס וועט אמאל זיין א שמחה, נאר עס הויבט זיך שוין אן ביי אים די תקון. דאס הייסט אז די וועלט גייט אויף צוויי אופנים, די וואס זענען זיך נישט משתתף מיט צער השכינה, ווערט ביי זיי דער פינסטערניש ערגער און ערגער און ערגער, **אבער די וואס זענען זיך משתתף מיט צער השכינה זיי זענען עולה ומתעלה! זיי זענען זוכה צו תקון הבריאה!** - דאס איז דער כלל הדברים.

## די ליכטיגקייט פון די וועלט

וְיֵשׁ מְאוֹרֵי אוֹר וּמְאוֹרֵי אֵשׁ, וְהֵם זֶה לְעֻמַּת זֶה שֶׁכְּשֶׁיֵּשׁ כֹּחַ לִמְאוֹרֵי אוֹר, אֲזַי נִכְנָעִין מְאוֹרֵי אֵשׁ וְכֵן לְהֵפֶךְ, חַס וְשָׁלוֹם שֶׁכְּשֶׁנִּכְנָעִין וְנִסְתַּלְּקִין מְאוֹרֵי אוֹר, חַס וְשָׁלוֹם אֲזַי מִתְגַּבְּרִין מְאוֹרֵי אֵשׁ וְזֶה בְּחִינַת חֻרְבַּן בֵּית

הַמִּקְדָּשׁ, **וַאֲזַי דַּיְקָא עַל יְדֵי הַבְּכִיָּה מַמְשִׁיכִין עַל עַצְמוֹ קְדֻשַּׁת הַבֵּית הַמִּקְדָּשׁ בְּחִינַת פְּאֵר הַנַּ"ל וְנִתְהַפְּכִין הַמְּאוֹרֵי אֵשׁ שֶׁמִּשָּׁם הַדְּמָעוֹת וְכוּ' נִתְהַפֵּךְ הַכֹּל לִבְחִינַת מְאוֹרֵי אוֹר**, בִּבְחִינַת ( יְשַׁעְיָה ל"ח) רָאִיתִי אֶת דמעותיך.

**לה.** תענית דף ל: וראה בליקו"ה ברכות הראיה ה, ה: עַל-כֵּן צְרִיכִין לָקוּם בַּחֲצוֹת וּלְהַשְׁלִיךְ רֹאשׁוֹ לַאֲחוֹרָיו וּלְהַדְגִּישׁ הֵיטֵב מְרִירַת נַפְשׁוֹ, עַד שֶׁיִּבְכֶּה עַל-יְדֵי זֶה כְּדֵי לְהַכְנִיעַ הָרַע עַיִן כַּנַּ"ל. **וְעַל-יְדֵי זֶה מַמְשִׁיכִין עַל עַצְמוֹ קְדֻשַּׁת מָשִׁיחַ וכו' כִּי כָּל הַמִּתְאַבֵּל וְכוּ' זוֹכֶה וְרוֹאֶה בְּשִׂמְחָתָהּ. דְּהַיְנוּ שֶׁמַּמְשִׁיךְ עַל עַצְמוֹ שִׂמְחַת הַגְּאֻלָּה** שֶׁתִּהְיֶה עַל-יְדֵי מְשִׁיחַ צִדְקֵנוּ. וראה בליקו"מ תורה רמ"ז שע"י הקינות בעצמן נעשה תיקו"ן ובליקו"ה גיטין ג, כה. (וראה גם בליקו"ה ערב ג' כח,כט בסוד שבת נחמו שמגיע אחרי בין המיצרים ע"י האבילות והבכיה וכו'.)

הַמִּקְדָּשׁ, בְּחִינַת "מִמָּרוֹם שָׁלַח אֵשׁ בְּעַצְמֹתַי" כִּי נִתְגַּבְּרוּ מְאוֹרֵי אֵשׁ עַל יְדֵי שֶׁנִּסְתַּלְּקוּ מְאוֹרֵי אוֹר בִּבְחִינַת "רָחֵל מְבַכָּה עַל בָּנֶיהָ" כִּי הַבְּכִיָּה הוּא בְּחִינַת הִסְתַּלְּקוּת מְאוֹרֵי אוֹר כַּנַּ"ל וַאֲזַי מִתְגַּבְּרִין, חַס וְשָׁלוֹם, מְאוֹרֵי אֵשׁ בְּחִינַת: "מִמָּרוֹם שָׁלַח אֵשׁ" וְכוּ כַּנַּ"ל.

מיר האבן דאך געזעהן אז די שכינה וויינט, און פון דעם וואס די שכינה וויינט, פון דעם ווערט א פינסטערניש, עס ווערט א גרויסע פינסטערניש. איז ממשיך דא דער רבי, אז עס ווערט א פינסטערניש אויף דער וועלט - ווערט "**הסתלקות מאורי אור**", עס גייט אוועק די ליכטיגקייט פון די וועלט, און עס איז זיך מתגבר "**מאורי אש**". און פון די מאורי אש פון דעם ווערט שריפת ביהמ"ק, אז ס'איז זיך מתגבר מאורי אש איז פון דעם ווערט שריפת ביהמ"ק.

די שריפת ביהמ"ק ווערט פון דעם וואס עס ווערט נסתלק "**מאורי אור**", פון דעם וואס עס ווערט א פינסטערניש. אוואו עס ווערט פינסטער צינדט מען אן א פייער, כל זמן עס איז דא ליכטיגקייט דארף מען נישט א פייער, אוואו עס ווערט פינסטער צינדט מען אן פייער. און אז עס איז דא פייער'ס, איז שוין דא א נייע פראבלעם פון שריפות[לו]. קומט אויס דורך דעם וואס עס איז דא א פינסטערניש פון דעם ווערט אויך א שריפה.

וְזֶה בְּחִינַת הַהַעֲלָמָה[לז], שֶׁנִּתְעַלֵּם הַיֹּפִי וְהַפְּאֵר שֶׁל כָּל הָעוֹלָם. כִּי יֵשׁ צַדִּיק, שֶׁהוּא הַיֹּפִי וְהַפְּאֵר וְהַחֵן שֶׁל כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ.. כִּי זֶה הַצַּדִּיק הָאֲמִתִּי שֶׁהוּא בְּחִינַת יוֹסֵף הוּא הַהִדּוּר וְהַיֹּפִי שֶׁל כָּל הָעוֹלָם.

---

**לו.** ראה לקמן בתורה, וזל"ש: וּכְשֶׁנִּכְנָעִין מְאוֹרֵי אוֹר, אֲזַי מִתְגַּבְּרִין מְאוֹרֵי אֵשׁ **וּמִזֶּה בָּאִין שְׂרֵפוֹת בָּעוֹלָם חַס וְשָׁלוֹם**, עַל יְדֵי שֶׁמִּתְגַּבְּרִין וְנִתְגַּדְּלִין בְּשֵׁם אֵלּוּ הַמְפֻרְסָמִים שֶׁל שֶׁקֶר שֶׁעַל יְדֵי זֶה נִתְעַלֵּם שֵׁם ה' חַס וְשָׁלוֹם, וְנִכְנָעִים מְאוֹרֵי אוֹר וּמִתְגַּבְּרִין מְאוֹרֵי אֵשׁ, בְּחִינַת: "מִמָּרוֹם שָׁלַח אֵשׁ" שֶׁזֶּה בְּחִינַת שְׂרֵפַת בֵּית הַמִּקְדָּשׁ שֶׁנַּעֲשִׂין גַּם כֵּן עַל יְדֵי הִסְתַּלְּקוּת מְאוֹרֵי אוֹר שֶׁעַל יְדֵי זֶה נִתְגַּבְּרוּ מְאוֹרֵי אֵשׁ כַּנַּ"ל.

**לז.** ראה בשיש"ק הישן ב' תרט"ז: פַּעַם כְּשֶׁלָּמַד מוֹהַרְנַ"תְּ אֶת תּוֹרָה סז חֵלֶק ב', הַמְּדַבֶּרֶת מִגְּדֻלַּת הַצַּדִּיק שֶׁהוּא הַחֵן וְהַיּוֹפִי שֶׁל כָּל הָעוֹלָם וּמִבְּחִינַת הַעֲלָמָה שֶׁיֵּשׁ עַל הַצַּדִּיק הַזֶּה וְכוּ' עַיֵּן שָׁם, אָמַר מוֹהַרְנַ"תְּ בְּהִתְעוֹרְרוּת וְשִׁבְרוֹן לֵב: "**הַעֲלָמָה, הַעֲלָמָה, הַעֲלָמָה, דָּאס אִיז אַ גִּיוַואלְדִיגֶער**

וואס איז די פינסטערניש, וואס ווערט? זאגט דער רבי - אז די פינסטערניש וואס עס ווערט דאס איז די "**העלמה**" וואס עס ווערט נתעלם דער "אור הצדיק". ["מאורי האור" דאס איז די ליכטיגקייט פון זעהן דער צדיק.]

עס איז דא א צדיק אויף דער וועלט, עס איז דא א צדיק - זאגט דער רבי - "**כי יש צדיק שהוא היופי והפאר והחן של כל העולם כולו**". עס איז דא א צדיק וואס ער איז דער יופי און דער פאר און דער חן פון די גאנצע וועלט. עס איז דא א צדיק! **נאכאמאל, עס איז דא א צדיק וואס ער איז דער יופי פון די וועלט, ער איז דער יופי פון די וועלט!**

אזוי ווי א מענטש קומט אריין אויף א חתונה, יא, א חתונה עס איז דא מיוזיק, און עס איז דא שיינע טישן געלייגט, און אלע קומען מיט שטריימלאך, און עס טוהט זיך.. אבער ווער איז דער עיקר פון די זאך? **דער חתן!**

אז עס איז דא א חתן, האט די חתונה א פנים. טאמער עס איז נישטא א חתן, טאמער דער חתן איז אנטלאפן אינמיטן.. איז בטל געווארן די גאנצע חתונה. כאילו, וואס דער פראבלעם, זעצט זיך אוועק, כאפט אריין א סעודה, עס איז שוין דא א פויקער, לאמיר כאפן א טענצל.. - ניין, אָן א חתן איז נישטא קיין חתונה, עס איז גארנישט מיט נישט! וואס איז דאס, סתם? וואס איז דא, ס'איז עפעס א 'שענק' (בית מרזח) דא? א מענטש האט זיך געזעצט עסן טרינקען און טאנצן דא?! – אז ס'איז א חתונה איז דא דא עפעס, נישטא קיין חתן איז נישטא קיין חתונה, עס איז גארנישט דא.

---

**הַעֲלָמָה**, הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אִיז דֶער חַיּוּת פוּן אַלֶע וֶועלְטְן אוּן עֶר אִיז נֶעְלָם! דֶער צַדִּיק אִיז דֶער פְּאֵר פוּן דִי גַּאנְצֶע וֶועלְט, עֶר אִיז דֶער חֵן פוּן דִי גַּאנְצֶע וֶועלְט, עֶר אִיז דִי שֵׁיינְקַייט פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַז דֶער חֵן זָאל נִתְגַּלֶּה וֶוערְן, וָואלְט גִּיוֶוען דֶער חֵן דִּקְדֻשָּׁה אוֹיף דִי גַּאנְצֶע וֶועלְט, סְ'וָואלְט בָּטֵל גִּיוָוארְן אַלֶע חֵן שֶׁל שֶׁקֶר אוּן הֶבֶל הַיּוֹפִי - אוּן עֶר אִיז נֶעְלָם"!!! [וְרַבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָיָה חוֹזֵר תָּמִיד בְּלָשׁוֹן שֶׁשָּׁמְעָה ממוֹהַרְנַ"תְ, וְכֵן ראבר"נ שֶׁשָּׁמְעָה מֵאָבִיו]. (וראה בשיש"ק החדש ג' תש"ל ביתר הרחבה).

דער צדיק ער איז דער 'פאר והחן והיופי' פון די גאנצע וועלט. דער פנים פון די וועלט. וואס איז די וועלט? דער צדיק. נישטא קיין צדיק - איז פינסטער, איז גארנישט דא..

דער צדיק דאס איז די וועלט. ניין, וואס איז דער פראבלעם? איך קען גאנץ ש"ס, איך קען.. ברוך השם עס פעלט נישט, ב"ה עס איז דא היינט תלמידי חכמים מיט לומדים מיט עובדים מיט בעלי צדקה מיט קנאים מיט בעלי חסד - אלע מידות טובות איז דא. אבער אז ס'איז נישטא קיין צדיק, איז גארנישט דא - **אז ס'איז דא א צדיק איז אלעס דא!**

**"כל העולם לא נברא אלא לצוות לזה, כל העולם לא נברא אלא בשביל זה**[לח]". די גאנצע וועלט איז באשאפן געווארן פאר דעם צדיק, די גאנצע וועלט, די גאנצע מציאות פון די וועלט איז פארן צדיק. און אז דער צדיק איז פארשטעלט איז פינסטער אין די וועלט, איז פינסטער אין די וועלט.

דער רבי זאגט אין "ספר המידות"[לט] אז דער צדיק ווערט נסתלק איז די גאנצע וועלט אזוי ווי טמא. דער צדיק ער איז דער חן פון די וועלט, ער איז די וועלט, די גאנצע וועלט דרייט זיך ארום אים. אז דער צדיק איז פארשטעלט - איז חרוב ונחרב, גארנישט דא.

---

**לח.** בקהלת יב, יג: כִּי זֶה כָּל הָאָדָם. ודרשו חז"ל (שבת דף ל:): "כי זה כל האדם", כל העולם כולו לא נברא אלא בשביל זה, שקול זה כנגד כל העולם כולו, כל העולם כולו לא נברא אלא לצוות לזה. וראה בליקו"מ תורה קמ"א: **הַצַּדִּיק נִקְרָא כָּל אָדָם**, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב "כִּי זֶה כָּל הָאָדָם". וראה בליקו"ה נטילת ידים ו' אות ק' וזל"ש: "סוֹף דָּבָר הַכֹּל נִשְׁמָע אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְאֶת מִצְוֹתָיו שְׁמֹר כִּי זֶה כָּל הָאָדָם", הַיְנוּ כִּי אֵין שׁוּם אָדָם בָּעוֹלָם כִּי אִם זֶה שֶׁמְּקַיֵּם זֹאת לְיִרְאָה אֶת ה' וְלִשְׁמֹר מִצְווֹתָיו. כִּי מִי שֶׁאֵין בּוֹ דַּעַת הָאֲמִתִּי הַזֶּה אֵינוֹ אָדָם כְּלָל [..] **וְעַל-כֵּן זֶה הַצַּדִּיק שֶׁזָּכָה לָזֶה בִּשְׁלֵמוּת עָלָיו נֶאֱמַר "כִּי זֶה כָּל הָאָדָם"**, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: "לֹא נִבְרָא כָּל הָעוֹלָם אֶלָּא בִּשְׁבִיל זֶה וּלְצַוּוֹת לָזֶה" וְכוּ'. וְכָל בָּאֵי עוֹלָם צְרִיכִין לְהִתְקַבֵּץ אֵלָיו לְקַבֵּל מִמֶּנּוּ הַדַּעַת הַקָּדוֹשׁ הָאֲמִתִּי לְהִתְקָרֵב לַה' יִתְבָּרַךְ **וְכָל אֶחָד כְּפִי קֵרוּבוֹ אֵלָיו הוּא בִּכְלַל אָדָם, "כִּי זֶה כָּל הָאָדָם" כַּנַּ"ל.** (וראה עוד בליקו"ה תערובת א, יב ובהל' יין נסך ד, כח ובהל' ריבית ה, כ)

**לט.** ספר המידות ערך צדיק קס"ד: **כְּשֶׁהַצַּדִּיק נִסְתַּלֵּק נִשְׁאָר הָעוֹלָם כִּטְמֵאִים וְצִדְקַת הָעוֹלָם נִמְאָס בְּעֵינֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא.**

## דער 'א גראדניק' איז נעלם געווארן...

יעצט וואס הייסט דער צדיק איז 'דא' אדער ער איז 'נישטא'? ער איז דא - הייסט אז מען ווייסט פון אים[מ]. ער איז נישטא הייסט - ער קען זיין, אבער מען ווייסט נישט פון אים, מען ווייסט נישט פון אים, מען ווייסט נישט וואס מען דארף אים בכלל האבן, ער פעלט גארנישט אויס (דאס הייסט א העלמה; ער איז 'דא' אבער ער איז 'נעלם').

אזוי ווי דער רבי דערציילט די מעשה פון צוויטן טאג פון די בעטלערס: אז עס איז געווען "**אַ גְרָאדְנִיק**[מא]" (גנני) וואס ער האט אינזינען געהאט דעם גארטן, און אינמיטן א טאג האט מען אנגעהויבן צו זעהן אז דער גארטן ווערט קאליע, אלעס גייט לטמיון. וואס איז געשען? נעלם געווארן דער א גראדניק. איר קענט די מעשה? נעלם געווארן דער א גראדניק.. וואו איז ער דער א גראדניק? נעלם געווארן!

---

**מ.** ראה ליקו"ה תפילת המנחה ז, מח ובליקו"ה שלוחין ה'.

**מא.** ראה ברמזי המעשיות להרב מטשעהרין: יֵשׁ בְּחִינַת גַּן כָּזֶה שֶׁגְּדֵלִים בּוֹ פֵּרוֹת וְגִדּוּלִים נִפְלָאִים שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם כָּל הַטְּעָמִים וְכָל הָרֵיחוֹת וְכָל הַמַּרְאוֹת שֶׁבָּעוֹלָם, וְהָיוּ כֻּלָּם יְכוֹלִין לִחְיוֹת חַיִּים טוֹבִים אֲמִתִּיִּים עַל יְדֵי זֶה הַגַּן. **וְעַל הַגַּן הַזֶּה יֵשׁ גַּנָּנִי [שֶׁקּוֹרִין: אַגְרָאדְנִיק] הַיְנוּ צַדִּיק קָדוֹשׁ וְעֶלְיוֹן כָּזֶה שֶׁהוּא מְמֻנֶּה עַל זֶה הַגַּן, וְהוּא מִשְׁתַּדֵּל תָּמִיד בְּכָל תִּקּוּנֵי הַגַּן. וְלִפְעָמִים בַּעֲוֹן הַדּוֹר נֶאֱבַד הַגַּנָּנִי הַזֶּה, הַיְנוּ שֶׁנֶּעֱלַם וְנִתְכַּסָּה אוֹרוֹ שֶׁל זֶה הַצַּדִּיק, וְאֵין הָעוֹלָם זוֹכִין לֵידַע מִמֶּנּוּ שֶׁהוּא זֶה הַגַּנָּנִי שֶׁעַל יָדוֹ הָיוּ יְכוֹלִין כֻּלָּם לִחְיוֹת חַיִּים טוֹבִים אֲמִתִּיִּים עַל יְדֵי הַגַּן**, וְהַגַּנָּנִי הַזֶּה אַף עַל פִּי שֶׁהוֹלֵךְ וְאוֹמֵר שֶׁהוּא הַגַּנָּנִי, אֲבָל הָעוֹלָם מַחֲזִיקִין אוֹתוֹ לִמְשֻׁגָּע חַס וְשָׁלוֹם, וְזוֹרְקִין אַחֲרָיו אֲבָנִים וּמְגָרְשִׁין אוֹתוֹ, וּמִמֵּילָא אֵינוֹ יָכוֹל לְהִשְׁתַּדֵּל בְּתִקּוּנֵי הַגַּן, **וְעַל יְדֵי זֶה כָּל מַה שֶּׁיֵּשׁ שָׁם בְּאוֹתוֹ הַגַּן בְּוַדַּאי מֻכְרָח לִהְיוֹת כָּלֶה וְנִפְסָד**, מֵאַחַר שֶׁאֵין שָׁם הַמְמֻנֶּה דְּהַיְנוּ הַגַּנָּנִי. אַךְ אַף עַל פִּי כֵן הָיוּ יְכוֹלִין לִחְיוֹת מִן הַסְּפִיחִים שֶׁבַּגַּן, אַךְ הַבַּעַל דָּבָר מִתְגָּרֶה מְאֹד גַּם בָּזֶה, וּמַכְנִיס בָּעוֹלָם דְּבָרִים כָּאֵלּוּ דְּהַיְנוּ מִדּוֹת רָעוֹת כָּאֵלּוּ, שֶׁמְּקַלְקְלִין הַחַיִּים טוֹבִים שֶׁהָיוּ זוֹכִין לִחְיוֹת עַל יְדֵי הַגַּן, כִּי עַל יְדֵי הַמִּדּוֹת הָאֵלּוּ נִתְקַלְקֵל כָּל מִין טַעַם עַד שֶׁהוּא בְּחִינַת טַעַם נְבֵלָה, וְכָל מִינֵי רֵיחַ עַד שֶׁהוּא בְּחִינַת רֵיחַ שֶׁל חֶלְבְּנָה, וְגַם נֶחְשָׁכִים הָעֵינַיִם עַל יְדֵי בְּחִינַת עֲנָנִין דִּמְכַסְּיָן עַל עֵינָא, עַד שֶׁעַל יְדֵי זֶה נִפְגַּם כָּל מִינֵי מַרְאֶה וּגְוָנִין שֶׁבָּעוֹלָם.

קומט דארטן דער טויבער בעטלער (הבעטליר החירש), ער האט זיי אויפגעזוכט, עס איז דארט דא דריי כתות פון בעלי עבירות (די עבדים פון דער מלך אכזר) וואס זיי ברענגען אריין עבירות דא, ער האט זיי ארויסגעראמט פון דא, און פלוצלונג האט מען אנגעהויבן שרייען "**אפשר דער משוגענער איז גאר דער א גראדניק**!?".

עס איז דא עפעס א משוגענער דא וואס אלעווארפן אים שטיינער און ער שרייט א גאנצן טאג אז ער איז דער א גראדניק און אלע ווארפן אים שטיינער. אלע ווארפן אים שטיינער; "**דער משוגענער א גראדניק**"..

האט מען אנגעהויבן צו טראכטן, אפשר איז ער גאר דער א גראדניק.. - מען איז געקומען צום טויבן בעטלער האט ער געזאגט "**יא, ער איז טאקע דער א גראדניק**!".

איז וואס איז געשען, פלוצלונג איז פארפאלן געווארן דער א גראדניק. עס איז געווען עפעס א א גראדניק, א גנני, וואס ער איז ממונה אויפן גארטן, אזא שיינע גארטן, אלעס קלאפט. מראה טעם וריח, אזעלכע בלומען, אזעלכע שמעקעדיגע בשמים, אזעלכע געשמאקע פירות, אזעלכע שיינע גאנצע בוימער מיט פרדסים, א יופי לעינים, א ליכטיגקייט, א טעם גן עדן.

מען קומט פלוצלונג און ער איז נעלם געווארן - וואו איז ער נעלם געווארן? ער איז נעלם געווארן, און דער גאנצער גארטן גייט לטמיון, אלעס גייט לטמיון. פארוואס גייט עס לטמיון, וואס איז געשען?!- אינמיטן א טאג האבן די מענטשן מחליט געווען אז ער איז משוגע..

**ער איז דא!** - אבער מען האט פארגעסן אז ער איז דער א גראדניק. ער איז געווארן גאר דער משוגענער פון שטעטל, דער א גראדניק פון גאנצן גארטן איז געווארן פארגעסן אז ער איז דער א גראדניק, אז ער איז די גאנצע חִיּוּת פון די גאנצע שטאט. ער איז געווארן עפעס א משוגענער, ער איז א איבעריגער אין די גאנצע מעשה..

אזוי איז די מעשה - דער רבי איז דער חִיוּת פון די וועלט, און דער רבי איז פארזייטיגט אינגאנצן, פארזייטיגט. לא מיבעי די מתנגדים, רחמנא לצלן! רחמנא לצלן! דרייען זיך מענטשן און האלטן אויפן רבין און רעדן אויפן רבין רח"ל, באזייטיגן דעם רבין רח"ל.

לא מיבעי וואס דאס איז דא - אבער אפילו די וואס זיי קומען שוין צום צדיק, קוים וואס זיי קומען, זיי געבן אכטונג אויף אזוי פיל אז די מתנגדים זאלן נישט קענען צו פיל רעדן אויף זיי, זאלן נישט הייסן אזוי די שטארקע [ברסלבע'ר], נישט זיין אזוי שטארק די חרפה פון די זאך; נישט אזוי שטארק - סך הכל בין איך אזוי ווי דיר, דו דאוונסט אין די שוהל אין יענע שוהל, איך דאוון אין די שוהל. דו לערנסט דעם ספר, איך לערן יענעם ספר, איך בין נישט אזוי אנדערש פון דיר..

אבער טאמער וועט איינער ווערן א ברסלב'ער, פשוט א ברסלב'ער - דיין גאנצע מציאות וועט זיין א ברסלב'ער, ביסטו דאך די חרפה! האסטו נישט קיין זכות קיום בכלל! ווייל דער רבי איז א פארשטעלטע זאך. א פארשעמטע זאך.

ווען א מענטש וויל באמת ווערן אז דאס איז ער, אז זיין גאנצע מציאות איז א ברסלב'ער – איז דאס א פארשעמטע מעשה.. די גאנצע מציאות זיינע איז אז ער איז א ברסלב'ער - ווארפט מען אים שטיינער, ער האט נישט קיין שום פלאץ אויף דער וועלט.

און דערפאר, ווייל עס איז אזוי - ווילן מיר נישט אפילו פראבירן, מיר ווילן נישט. מיר האבן נישט כח לכתחילה צו דער גאנצער בזיון. (עס איז ביי אונז,) מיר האבן נישט קיין כח צו אריינגיין אין די גאנצע בזיון. מיר אליין ווילן נישט אריינגיין צו ערנסט אין די זאך, מען וויל נישט ווערן ערנסט א ברסלב'ער. יעדער איינער געבט א טעימה, א קיצל, מען כאפט א שטיקל, א טעימה פון א ברסלב'ער.

אבער ווערן [פשוט] א ברסלב'ער?! - מיין גאנצע מהות זאל זיין דעם רבינ'ס תורות, דעם רבינ'ס דיבורים און די גאנצע זאך. איך קען פשוט נישט לעבן

אן התבודדות, איך קען פשוט נישט לעבן אן התבודדות, איך קען זיך נישט רירן אן התבודדות. אזא סארט מציאות די גאנצע מציאות זאל זיין אז "מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד", מיין גאנצע חִיּוּת איז נאר פון שמחה, מיין גאצנע חִיּוּת איז נאר, אז איך בין א איד, מיין גאנצע חִיּוּת איז נאר פון נקודות טובות. די דבורים פון רבין דאס איז מיין גאנצע חִיּוּת, ביזן סוף.. - איך האב נישט קיין כח צו ארייגניין אזוי ערנסט, ווייל דער רבי איז פארשעמט.

יעדע זאך, טאמער זיין א ברסלב'ער - א ברסלבער, אבער חוץ פון דעם [אויך] א גרויסער תלמיד חכם, א ברסלב'ער א גרויסער גביר, א ברסלב'ער און א גרויסער עסקן. א ברסלבער א גרויסער תלמיד חכם, נו בסדר - זייער גוט, וועט מען אים מוחל זיין, ווייל ער איז א ת"ח וועט מען אים מוחל זיין אז ער איז א ברסלב'ער, ווייל ער איז א עסקן, וועט מען אים מוחל זיין, ווייל ער איז א גביר וועט מען אים מוחל זיין אז ער איז א ברסלב'ער.

אבער מ'וועט איינעם זאגן "וואס ביסטו? א ברסלב'ער! - וואס? א ברסלב'ער! די גאנצע זאך איז אז ער איז א ברסלב'ער, די גאנצע וואס ער איז גרויס, ער איז גרויס צו זיין א ברסלב'ער?! - דאס נישט!

אדער ווי מען זאגט ביי אונז אין די חבורות 'מיט וואס בין איך א ברסלב'ער?' - איז איינע פון די 'מיט וואס בין איך א ברסלב'ער', אויב איך האב געלט מיט דעם בין איך א ברסלב'ער, אויב איך בין א למדן מיט דעם בין איך א ברסלב'ער. דאס מיינט, איך דארף עפעס זיין נאך א זאך אינדרויסן (חוץ) פון ברסלב, מיט דעם בין איך א ברסלב'ער. אבער אז איך בין א ברסלב'ער מיט דעם וואס איך בין א ברסלב'ער, איך בין א ברסלב'ער! – דאס נישט!

דער רבי האט נישט דעם חן, דער רבי האט נישט דעם אמת'ן חן.. ער איז פארשטעלט! פארוואס איז ער פארשטעלט? ווייל עס איז געווארן א פינסטערניש אין די וועלט.

## די העלמה..

איז ווי אזוי נעמט מען ארויס די פינסטערניש פון די וועלט? ווי אזוי נעמט מען ארויס די פינסטערניש פון די וועלט?! - זאגט דער רבי אז צו ארויסנעמען די פינסטערניש פון די וועלט איז נאר דורכן וויינען, נאר דורכן זיך מתאבל זיין.

אז מען איז זיך מתאבל אויף דעם וואס עס אינטערעסירט מיר נישט, אויף דעם איז מען זיך מתאבל. אויף דעם גופא דארף מען זיך מתאבל זיין, אויף דעם וואס איך בין מעכב, איך בין מעכב דעם בנין ביהמ"ק. איך בין מעכב די ליכטיגקייט פון דער 'ראש' וואס דארף אריינשיינען אין דעם 'בית' [מב]. איך בין מעכב די ליכטיגקייט, דער שַיין פון צדיק (דער "ראש בית") [מג].

וואס דארף מען א ביהמ"ק? - פרעג אלעמען, (מיט ברסלב'ער טאר מען נישט רעדן, מען רעדט אבער..) פרעג א מענטשן צו וואס דארפסטו א ביהמ"ק, צו וואס דארפסטו? - ער ווייסט אפילו נישט.

פארוואס דארף ער א ביהמ"ק? צו וואס פעלט אים אויס דעם ביהמ"ק?! - אויב ער וועט קענען כל התורה כולה, ער וועט האבן אסאך געלט, ער וועט מאכן די שענסטע שידוכים, און ער וועט האבן א גוטע דירה און לעבן לאנגע גוטע יארן, ער וועט זוכה זיין צו זיין דער אויסגעקליבענער פון כלל ישראל,

---

**מב.** ראה בהמשך התורה.

**מג.** ראה בליקו"ה תפילין ז, ב: כִּי מִי שֶׁרוֹצֶה לָחוּס עַל עַצְמוֹ כְּשֶׁרוֹאֶה עֹצֶם מְרִירַת גָּלוּת נַפְשׁוֹ וְכוּ', **צָרִיךְ לִבְכּוֹת מְאֹד עַל עֹצֶם הַהַעֲלָמָה הַזֹּאת שֶׁנִּתְעַלֵּם אוֹר הַצַּדִּיקֵי אֱמֶת בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים** וְנִתְרַבָּה הַמַּחֲלֹקֶת מְאֹד וְכוּ', שֶׁעַל־יְדֵי־זֶה אֲרִיכַת הַגָּלוּת בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים, וְזֶה עִקַּר חֻרְבַּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וְכַנַּ"ל. **וְכָל זֶה גּוֹרֵם כָּל אֶחָד עַל־יְדֵי חֲטָאָיו וַעֲוֹנוֹתָיו, כִּי כָּל מַה שֶּׁמַּרְבֶּה לִפְגֹּם חַס וְשָׁלוֹם, כֵּן מִתְגַּבֵּר הַהַעֲלָמָה חַס וְשָׁלוֹם, וּלְהֵפֶךְ כָּל מַה שֶּׁמֵּשִׂים אֶל לִבּוֹ לִבְכּוֹת עַל זֶה וְלָשׁוּב לְבַקֵּשׁ מֵה' יִתְבָּרַךְ שֶׁיְּתַקֵּן כָּל זֶה, עַל־יְדֵי־זֶה מִתְגַּלֶּה הַהַעֲלָמָה**, וְזוֹכֶה שֶׁיָּאִיר לוֹ אוֹר הַצַּדִּיק שֶׁהוּא בְּחִינַת הָרֹאשׁ בַּיִת בְּחִינַת פְּאֵר וְכוּ'.

ער וועט האבן, כל הכבוד שבעולם וועט זיין זיינע – איז צו וואס דארף ער פונקט דעם ביהמ"ק. וואס דארף ער דעם ביהמ"ק, וואס דארף ער דעם ביהמ"ק? פארוואס דארף ער דעם ביהמ"ק?! - ער ווייסט עס באמת נישט.

[ש: א מענטש וואס קען כל התורה כולה פארשטייט פארוואס ער דארף עס..] אבער ער דארף נישט כל התורה כולו אויף צו וויסן דאס! - פארוואס וויל ער כל התורה כולה? אויב דו קענסט מיר געבן כל התורה כולה איז מיר גוט אזוי...

פרעג א מענטש צו ער דארף דער ביהמ"ק? ווען איינער זאגט 'איך דארף טאקע קענען כל התורה כולה כדי צו וויסן אז ס'פעלט דער ביהמ"ק' - וואלט שוין געווען גוט. [אבער] ער דארף נישט כל התורה כולה כדי צו וויסן אז עס פעלט אים דער ביהמ"ק, ער האט נישט קיין דאגה מיטן ביהמ"ק..

איז נישט נאר מיט ברסלב האט מען נישט א פראבלעם, אויפן ביהמ"ק איז דאך נישטא קיין מחלוקת, איז פארוואס דער ביהמ"ק דארף מען אויך נישט?! – ניין, ח"ו מען טאר נישט זאגן אזאווארט, אבער פארוואס איז א מענטש אזוי קאלט צום גאנצן ביהמ"ק? - ווייל ער ווייסט בכלל נישט וואס איז דער ביהמ"ק. באמת, ער ווייסט נישט וואס איז דער ביהמ"ק.

דער רבי זאגט אונז אז דער ביהמ"ק דאס איז דער חִיוּת פון צדיק, וואס דער צדיק איז דער פאר ויופי פון די גאנצע וועלט – דער פאר ויופי דאס גייט ער האבן פון דעם ביהמ"ק! דער ביהמ"ק איז דער פלאץ וואס דארט ווערט נתגלה דער פאר ויופי פון דעם צדיק.

דער רבי דערציילט אונז זאכן – מיר זענען זייער ווייט פון דעם, און מיר דארפן זיך מתאבל זיין אויף דעם וואס מיר זענען ווייט פון דעם.

דורך דעם וואס מיר זענען זיך מתאבל און מיר זענען זיך משתתף מיט צער השכינה אויף די העלמה, מיט דעם איז "**הקב"ה הבטיח לשום לאבלי ציון וירושלים פאר תחת אפר**" – זיי זאלן באקומען דעם "פאר", עס זאל נתגלה ווערן דער פאר פון צדיק, די מוחין. דער מח זייערער זאל אנהויבן פארשטיין, עס זאל ליכטיג ווערן אין מח, זאל ליכטיג ווערן די ליכטיגקייט פון צדיק.

דער "פאר" פון צדיק זאל אריינגיין אין מח, זיי זאלן אנהויבן שפירן דעם צדיק. **וואס מער א מענטש שפירט דעם צדיק וויל ער נאכמער דעם צדיק, זוכט ער דעם צדיק..**

## עפנען די אויגן..

וּכְשֶׁזֶּה הַיֹּפִי וְהַפְּאֵר נִתְגַּלֶּה בָּעוֹלָם, דְּהַיְנוּ כְּשֶׁזֶּה הַצַּדִּיק שֶׁהוּא הַיֹּפִי שֶׁל כָּל הָעוֹלָם נִתְפַּרְסֵם וְנִתְגַּדֵּל בָּעוֹלָם, אֲזַי נִפְתָּחִין הָעֵינַיִם שֶׁל הָעוֹלָם, שֶׁכָּל מִי שֶׁנִּכְלָל בְּזֶה הַחֵן הָאֱמֶת שֶׁל זֶה הַצַּדִּיק שֶׁהוּא הַחֵן וְהַיֹּפִי שֶׁל הָעוֹלָם דְּהַיְנוּ שֶׁמִּתְקָרֵב אֵלָיו וְנִכְלָל בּוֹ נִפְתָּחִין עֵינָיו וְיָכוֹל לִרְאוֹת.

דער צדיק ווערט נתגלה אז מען ווערט נכלל אין אים. דאס הייסט אז ס'ווערט נתגלה די שיינקייט פון צדיק וויל מען נכלל ווערן. אז עס איז אזא שיינקייט, וויל מען נכלל ווערן אין די שיינקייט. ווי מיר האבן פריער גערעדט - אויב דער רבי איז אזא זאך, וויל איך נכלל ווערן; וויל איך ווערן א ברסלבער.

און בשעת א מענטש ווערט נכלל אין צדיק, עפנט זיך אים אויף די אויגן און ער קען זען "גדלות הבורא". ער קען זען וואס עס טוט זיך אין דער וועלט, ער פארשטייט וואס טוט זיך אין די וועלט.

יעצט איז פארשטעלט די אויגן, זעט מען נישט גדלות הבורא, מען זעט בכלל נישט ווי דער אויבערשטער פירט די וועלט. עס איז פארשטעלט, מען פארשטייט בכלל נישט וואס עס טוט זיך אין די וועלט. אבער דורך דעם אז עס ווערט נתגלה דער פאר והחן ויופי פון צדיק ווערט דאס אלעס נתגלה.

וְהָעִקָּר לְהִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ, שֶׁעַל יְדֵי שֶׁמִּתְקָרֵב לַצַּדִּיק אֲמִתִּי.. וְעַל כֵּן כְּשֶׁנִּתְגַּלֶּה זֶה הַצַּדִּיק, שֶׁהוּא הַחֵן וְהַיֹּפִי שֶׁל הָעוֹלָם כָּל מִי שֶׁמִּתְקָרֵב וְנִכְלָל בְּזֶה הַחֵן הָאֱמֶת נִפְתָּחִין עֵינָיו וְרוֹאֶה וּמִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ אֵיךְ הוּא אוֹחֵז בְּכָל הַמִּדּוֹת, שֶׁנִּמְשָׁכִין מֵאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת שֶׁהֵם נִמְשָׁכִין מֵהַצַּדִּיק כַּנַּ"ל וְגַם יָכוֹל לִרְאוֹת וּלְהִסְתַּכֵּל בִּגְדֻלַּת הַשֵּׁם וּלְהִסְתַּכֵּל

בָּעוֹלָם עַל יְדֵי שֶׁנִּפְתְּחוּ עֵינָיו עַל יְדֵי הִתְגַּלּוּת הַפְּאֵר שֶׁל הַצַּדִּיק הָאֱמֶת כַּנַּ"ל.

"**והעיקר להסתכל על עצמו**" - א מענטש ווייסט בכלל נישט ווי צו קוקן, אפילו אויף זיך אליין נישט. נישט נאר ער ווייסט נישט צו קוקן "גדלות הבורא", ער ווייסט נישט ווי צו קוקן אין דער וועלט, נאר ער ווייסט נישט ווי צו קוקן אפילו אויף זיך. א מענטש ווייסט בכלל נישט ווער ער איז אליין, ווער ער איז, וואס ער דארף זיין, און ווי ער איז איצטער..

ער ווייסט בכלל נישט וואס איז מיט אים, זיינע אויגן איז פארשטאפט. וויבאלד אז ער ווייסט נישט פון צדיק ווייסט ער בכלל נישט ווי אזוי עס דארף אויסקוקן די וועלט, ווי ער אליין דארף אויסקוקן - זיינע אויגן זענען פארפינסטערט.

איז אז א מענטש וויינט אויף די העלמת הצדיק, דורך דעם עפנט זיך אים אויף די אויגן, און ער ווערט נכלל אין צדיק. און ער הויבט אן פארשטיין ווער ער איז, פארשטיין ווער דער בורא איז, וואס די וועלט איז. ער זעט א אנדער וועלט, ער זעט אנדערש די גאנצע וועלט, אלעס האט ביי אים א אנדער פנים, א אנדער קוק.

איז ווייל דער רבש"ע וויל זיך אומקערן צו אונז, ווייל דער רבש"ע וויל אונז מזכה זיין אז מיר זאלן זוכה זיין צו וויסן פון די ליכטיגקייט פון צדיק. עס איז שוין זייער שפעט, זייער שפעט, עס איז שוין צייט צו "תיקון העולם", מען קען נישט אזויפיל ווארטן. **עס איז שוין צייט עס זאל נתגלה ווערן די ליכטיגקייט פון רבי'ן! עס איז שוין צייט עס זאל געבויט ווערן דער ביהמ"ק!** דער רבוש"ע קוועטשט שוין, ער שטופט שוין - "**הגיע עת לחננה**"!

במילא איז אונזער תפקיד איצטער צו דאס מקבל זיין, דורך דעם וואס מיר טרויערן אויפן חורבן ביהמ"ק דאס איז די כלים צו מקבל זיין. מיט דעם וואס מיר וויינען אויפן ביהמ"ק, מיר וויינען אויף העלמת הצדיק - מיט דעם עפנט זיך אונז אויף די אויגן און עס ווערט ליכטיג ביי אונז די ליכטיגקייט פון צדיק.

מען הויבט אן וועלן נכלל ווערן אין צדיק, מען הויבט אן וועלן מער א חלק אין ברסלב, מער א חלק אין רבינ'ס תורות, מער א חלק אין התבודדות, מער א חלק אין מקיים זיין וואס דער רבי זאגט, מער א טעם אין יעדע זאך וואס דער רבי זאגט, האבן א טעם אין דעם.

מער פארשטיין וואס איז דאס די "יחודיות" (עקסטערקייט) פון ברסלב, וואס איז ברסלב עפעס א עקסטערע זאך, וואס איז דאס – מען הויבט עס אן טועם זיין. אבער די כלי אויף דעם, איז דער וויינען. דער וויינען אויף דעם דאס איז די כלי!

## מיר האבן יעצט א געלעגנהייט..

במילא אז מען גיבט אונז איצטער די וואכן פון בין המצרים, דאס איז די צייט וואס איז א שורש. יעצט איז די צייט צו קונה זיין די התקרבות צום צדיק, צו קענען באקומען א טעם אין רבי'ן. א טעם אין יעדן דיבור פון רבי'ן, א טעם אין די גאנצע זאך, א טעם אין די התקשרות – דאס איז יעצט די צייט!

דערפאר דארף מען וויסן: מען דארף אריינכאפן די צייט! זיך נישט ארויסדרייען פון די צייט נאר אדרבא דאס איז א צייט וואס דער רבש"ע וויל אונז! דארפן מיר אריינכאפן די צייט, **דער רבש"ע וויל דערנענטערט ווערן צו אונז דארפן מיר אריינכאפן.**

עס איז א געלעגנהייט, מיר האבן [נאך] צוויי וואכן. בפרט אז עס שטייט פון "**אריז"ל**[מד]" אז יעדן טאג נאכמיטאג דארף מען זיך אביסל אוועקזעצן

---

**מד.** ראה שער הכוונות: ענין בין המצרים והם כ"א ימים שבין י"ז לתמוז עד תשעה באב **מנהג טוב וכשר הוא מאד לכל בעל נפש לשבת באבלות אחר חצי היום בכל אלו הימים ולבכות בכיה ממש על חורבן הבית**. וטעם היות זה אחר חצות היום הוא כי אז הוא התעוררות הדינין בסוד כי ינטו צללי ערב אשר לסבה זו נשרף ההיכל אחר חצי היום, **ודבר זה עושה תועלת**

ווײנען אויפן ביהמ"ק. עס איז געוואלדיג מסוגל אויף תיקון הנפש, געוואלדיג מסוגל!

יעדן טאג אביסל, מען זאגט תיקון חצות-תיקון רחל. מען זאגט, עס איז א געלעגנהייט - מען דארף אויפשטיין חצות ביינאכט, [אבער] א בחור, אז ער קען נישט אויפשטיין חצות ביינאכט גיבט מען אים כאטש חצות היום - מען ברענגט אים צו דעם חצות צום טאג, כאטש כאפ אריין יעצט!

מען ברענגט אים צו דעם תיקון חצות, ווײן יעצט, זאג אביסל 'תיקון רחל' - אפשר וועסטו באקומען א טעם, אז וועסט אנהויבן זיך אביסל מרגיל זיין אין חצות, וועסטו אפשר זוכה זיין צו ערגעץ אנקומען צו תיקון חצות פון יעדע נאכט.

על כל פנים, די זאך – יעצט איז די צייט צו זיך אנהויבן מרגיל זיין, זיך מתאבל זיין, ווײנען אויפן חסרון, וואס דאס איז דער שורש פון גאנץ עבודת ה'. דער שורש פון גאנץ התקרבות צום אויבערשטן, אלעס הויבט זיך אן מיט די זאך (פון די אבילות).

ווער עס איז טועם דער טעם פון זיך מתאבל זיין אויפן ביהמ"ק, זיך מתאבל זיין אויפן העלמת הצדיק, מיט דעם הויבט ער אן צו אריינגיין אין עבודת ה', ער גייט אריין מחדר לחדר.

דער אויבערשטער זאל העלפן מען זאל זוכה זיין "**כל המתאבל על ירושלים זוכה ורואה בשמחתה**" און ס'זאל זיין "**ולשום לאבילי ציון פאר תחת אפר**" – און מען זאל זוכה זיין צו באקומען א ליכטיגקייט!

---

**גדולה בנפש האדם.** וענין חצות הלילה אין צורך להזכירו כי אפי' בכל שאר הלילות צריך להתאבל על החורבן ומכ"ש בלילות בין המצרים שצריך להוסיף בבכיה ועליו נאמר שמחו את ירושלם כו' כל המתאבלים עליה:

בס"ד

מִי שֶׁתּוֹרָתוֹ בְּלֹא הֲבָנָה בָּהּ שׁוּם חִדּוּשׁ, אַף עַל פִּי שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִתְעַנֵּג בָּהּ גַּם כֵּן, אַף עַל פִּי כֵן אֵין לִדְרֹשׁ אוֹתָהּ לָרַבִּים

**אֲבָל מִי שֶׁחֲנָנוֹ ה' לְהָבִין וּלְחַדֵּשׁ אֵיזֶה דָּבָר כָּל אֶחָד לְפִי בְּחִינָתוֹ, הַיֹּשֶׁר מְחַיֵּב, שֶׁיְּגַלֶּה וְיַכְנִיס זֹאת הַהֲבָנָה לְעַם סְגֻלָּה, וְיֵיטִיב מִטּוּבוֹ לַאֲחֵרִים**

(ליק"ע)

# מגלים ומכניסים זאת ההבנה לעם סגולה !

## יש לנו עכשיו את ההזדמנות ואת הזכות להוציא לאור

**דיבורי ראש חבורתנו הבלתי נשכח**

# ר' חיים בנימין וורטהיימר ז"ל

## שדיבוריו היה לחדש ולהחיות את דברי רביה"ק לקיימם בתמימות ופשיטות

# חבר יקר !

## קח שותפות קבוע בעסק קדוש זה

**אִיהר זָאלְט זַיין שְׁטַארְק מִיט גֶעלְט**
**און מִיט רָצוֹן און מִיט טִרְחָא**

| לתרומות | ירושלים: | בית שמש: |
|---|---|---|
| | **הר"ר יהודה שטרנפלד הי"ו** | **הר"ר דוב בער רובינפלד הי"ו** |
| | 05331.93747 | 05341.52325 |